STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10718

# KLOTS-GESHIKHTN

Isaac Leib Peretz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י.-ל. פּערעצ

# קלאָצ-געשיכטנ

אונ אנדערע דערציילונגענ

אָ ג י ז
מעלוכע-פארלאג „דער עמעס"
מאָסקווע 1945

# אינהאלט


| | זייט |
|---|---|
| קלאץ־געשיכטנ | 3 |
| כאסענע געהאט | 16 |
| אינ פאסט־וואגנ | 42 |
| אינ קעלער־שטוב | 63 |
| שאלעמ־באיס | 72 |
| א קאס פונ א יידענע | 77 |
| מוסער | 84 |



И.-Л. Перец
РАССКАЗЫ БРЕВНА
(На еврейском языке).
Редактор *А. Фрумкин.*

Подписано к печати 16/IV 1945 г. Б 11714. 3 печ. листа, 4,8 уч.-изд. лист. 65,2 тыс. зн. в печ. листе. Цена 2 р. 50 коп.
Тираж 10 000 экз. Зак. 96.

Отпечатано с матриц в типографии Госэнергоиздата.
Москва, Шлюзовая н.б., 10.

# קלאָץ־געשיכטן

## 1

## דער קלאָץ אליין

אינמיטן מארק ליגט אן אלטער, פוילער קלאָץ...

דאכט זיך, טויט ווי אלע טויטע — און דאָך, אין א שטילער זומער-נאכט, ווען אלץ ארום איז פארזונקען אין טיפן שלאָף, ווען לעוואָנע און שטערן דרעמלען אונטער א לייכטן זילבער-נעפּל, וועקט זיך אין מיר אוף דער אלטער קישעפמאכער... „האָקוס פּאָקוס" — דער קלאָץ לעבט!

ערגעץ אין מיצראים ליגט א פארקישעפטער אלטער קלאָץ, וואָס וועקט זיך יעדן פרימאָרגן (ווען די פרישע, ריינע זון שטייט אוף) און יעדן אָוונט (ווען זי גייט אונטער פארשעמט און פארבלוטיקט), און גיט פון זיך ארויס א וווּנדערלעכן קלאנג: — מיין קלאָץ פארציילט גאנצע געשיכטן.

אלץ, וואָס איך שרייב פונעם שטעטל, האָב איך אים צו פארדאנקען. דאָס אלץ זיינען „קלאָץ-געשיכטן"... דאָס אלץ פארציילט ער מיר.

נאָר אָנהייבן הייבט ער אָן פון זיך. רעכט האָט ער! יעדערער איז בא זיך דער הייליקער מיטלפונקט, ארום וועלכן ער שטעלט זיך אויס די רעשט וועלט.

עס גייט קעסיידער: איך, און דערנאָך ערשט אלץ, וואָס מיין איז: מיין מישפּאָכע, מיינע כאווירים, מיינע גוטע-פריינט, מיינע

באקאנטע, מײַנ שטאָט, מײַנ געגנט, מײַנ לאנד... אלץ, וואָס מײַנ איז!

שפּעטער נעמענ מיר שוינ שוטפים צו: אונדזער ערד, אונדזער וועלט.

פאר דאָס קומענ מיר צוריק צו: מײַנ גאָט! נאָר דאָס זאָל זײַנ א סגולע צו פּארנאָסע...

---

טײל מײנענ אפילע, אז זײ זײַנענ נישט נאָר דער מיטל־פּונקט, נאָר זאָגאר דער ברענ־פּונקט פונ דער וועלט. דאָס גאנצע ליכט לויפט זיכ דאָ צוזאמענ ארויסצושטראלנ ערשט פונ זײ אפ דער רעשט וועלט... אָנ א ביילעוונ ליכטל אפילע אינ האנט, לויפנ די בארעמהאר־ציקע לײַט ארומ אינ די גאסנ אונ שרײַענ: ליכט! ליכט! ווי אמאָל דער קאוועיאָכל אונ דערנאָכ, לעהאוודל, געטע פארינ טויט...

אנדערע קלערנ גאָר: צי איז אויסער זײ נאָכ עפּעס פאראנענ!..

„איכ בינ איכ" — אלקײנ — בינ איכ דאָ! נאָר די רעשט וועלט, צי איז זי נישט מײַנס א כאָלעמ פונ א זומער־ צי א ווינטער־נאכט, ווי עס מאכט זיכ?

אונ בעעמעס, ווער נײטיקט מיכ צו גלײבנ, אז אויסער מיכ עקזיסטירט נאָכ עפּעס? פילנ פיל איכ נאָר מײַנ הונגער, מײַנ דאָרשט, מײַנ אגמעטנעפּעש... אײַ וואָס — מע זאָגט?

דאָס איז ווייניק!

מע פלעגט אמאָל זאָגנ, אז עס איז פאראנ: ערלעכקײַט, ראכמאָנעס, יוישער, עמעס אוקעדוימע, אונ עס האָט זיכ אויסגעוויזנ — א כאָלעמ, א וויסטער כאָלעמ...

אונ א וועהאָרײַע! אז איכ, איכ נאָר, נעמ א קאפּ בראָנפנ, טאנצט די גאנצע וועלט ארומ ווי שיקער!

לאָמיר בעסער צוריקגײנ צומ קלאָץ! צו זײַנ אווטאָביאָגראפיע!

---

געווען איז ער אמאָל א בוים.

א פרישער, גרינער בוים אין וואלד!

געוואָרצלט האָט ער אין דער ערד, געצויגן זיך אין הימל אריין... אן אָדלער, נאטירלעך, פליט העכער; זיינס האָט ער דאָך געטאָן בישליימעס; ער האָט זיך געהויבן און געהויבן, איבער זיינס גלייכן געוואקסן! ער האָט שוין אפילע א גרויס שטיק הימל געזען!

טיילמאָל האָט זיך אים געדאכט, אז, אָט-אָט, פאלט אראָפּ דאָס טע-לערל פון הימל און לייגט זיך אים — א קרוין אפן קאָפּ! און ער איז ווערט די קרוין, ער ציט זיך אלץ אייניינעם ארויף!..

געלעבט האָט זיך נישט שלעכט!

טויזנט בלעטער צום עטעמען, אריינצוציען גרינצייג... א פּאָר שאָק וואָרצלען אונטער דער ערד, צו ציען כאיונע — זאפט און זאלץ! דאָס איז פארן גוף; די נעשאָמע האָט: פייגל-קאָנצערט און וואָלקן-מאסקא-ראדע!

צווישן די צווייגן זשומט, ברומט, טרילערט און קלינגט... אפן הימל פליט און ציט, און יאָגט זיך. פון א זייט שווימט א סטאדע וואָליקע שעפעלעך; אָט טרייבט זיי אקעגן א גראָמאדע צויטיקע, שווארצע וועלף... אלע פארשווינדן, און איבער דער ברייט פון הימל ציט זיך אויס א לאנגער דייטש מיט גרויסע שטיוול, מיט א מעשענע פיקל-הויב אפן קאָפּ... ער ווערט אויך צערונען, שא! דער הימל הענגט ארויס וועש צו טריקענען... דאָס „גרעט” שאָקלט זיך, הוידעט און ווארפט זיך, גלייך עס וויל אראָפּפאלן און א האלבע וועלט „מאלביש-ארו-מים” זיין.

---

דאָס אלץ איז זומער.

ווינטערצייט הילט זיך איין דער בוים אין ווייסן מאנטל און דרעמלט.

ער שלאָפט איין, און כאָלעמט איבער א וועלט.

אין אזא שלאָף הערט ער איינמאָל: טראכ! טראכ!

א האק, צי א דונער! ער, צי אנ אנדערער?

איידער ער קומט צו זיכ — באצ! ער ליגט שוינ אויסגעצויגנ אפנ שניי...

אונ ער שלאָפט ווײַטער אײַנ... אונ ער כאָלעמט ווײַטער:

— פארפאלנ! עס וועט זיכ אָנהייבנ א נײַ לעבנ, גאָר אנ אנדער לעבנ! נישט אינ היימישנ וואלד, נישט צווישנ זײַנס־גלײַכנ — ביימער, נאָר אינ דער אייביקער פרעמד!

נישט „הימל אונ ערד" וועט עס הייסנ, נאָר „הימל אונ וואסער", בעסער געזאָגט: הימל אונ הימל, אנ עמעסער פונ אויבנ, אנ אָפגעשפיגלטער פונ אונטנ...

א מאטשט וועט ער זײַנ, אפ דער גרעסטער שיפ שווימענ; אפ דער גרעסטער שיפ, אפנ גרעסטנ יאמ! אונ א וועלט וועט ער זענ!

דעמ וואלד וועט ער דאָכ נישט פארגעסנ!

וועט ער נעענטער קומענ צו א שטיק ערד, וועט ער זיכ שאָקלענ אונ גריסנ דעמ וואלד... פונ צײַט צו צײַט וועט אימ דער ווינט צוטראָגנ א ביסל רייעכ פונ נאָדלענ אונ בלעטער... אפ דער שיפ וועט געוויס זײַנ א שטײַגל... דריגענ א קליינ זיס פייגעלע...

ער כאָלעמט אונ פילט, ווי די האק שפארט אימ אינ די זײַטנ, שיילט אונ רײַסט... שאדט ניט!

„טערפי קאזאק, אטאמאנאָמ בודיעש".

אנדערע האָט מענ אפ פיצפיצלעכ צעהאקט, אפ אש פארברענט, אפ אלע וועלט-עקנ פארשפרייט דאָס אש אונ צעזייט, אונ ער וועט זײַנ א מאטשט!

---

אופגעכאפט האָט ער זיכ נישט אלס מאטשט... מע האָט פונ אימ קוימ א באלקנ געמאכט, אינ א הויז אײַנגעמויערט.

ענג, דושנע, פינצטער — עס דריקט פונ אלע זײַטנ...

ער פאלט אוועק אינ א נײַעמ שלאָפ, אינ א וויסטנ שלאָפ; אָנ כאלוימעס, אָנ האָפענונג, אָנ טרייסט...

און אזוי איז ער פּופּציק און עפּשער הונדערט יאָר געשלאָפֿן...
און עס וועקט אים ווײַטער: טראַך! טראַך!
ער כאַפּט זיך אויף שוין בעעמעס אין א יאַם. אין א רויטן, פֿײַערדיקן יאַם... פֿאַליעס פֿײַער שלאָגן...
— דאָס איז מײַן עק! — טראַכט ער, — אין גענעם בין איך! — מיינט ער. נאָר א קלאָץ דענקט, און די פֿאָזשאַרנע קאָמאַנדע לענקט און טוט אירס... ציִנד ליגט ער אינמיטן גאַס...

---

ער ליגט און פֿוילט און נוצט נאָך דער קליינער וועלט...
האָלץ-ווערעם ציִען פֿון אים די גאַנצע פּאַרנאָסע... א צעשויבערטע דינסטמויד לויפֿט צו און רײַסט אויס א קינדל... דער שרײַבער פֿון מאַגיסטראַט נעמט זיך יעדן טאָג נאָכן מיטיק א ציין-שטעכער... פֿרײַטיק רײַסט פֿון אים ווער אין גאָט גלייבט איידעס צום נעגל פֿאַרברענען...
קומט אינמיטן דער נאַכט אין שטעטל א קליין סויכערל, א ניסרעפּל, צי אזוי א בעטלער, נעכטיקט ער איבער אפֿן קלאָץ...
טײלמאָל ציט זיך אָפּ אים אויס דער נאַכט-וועכטער און שנאָרכט...

## 2

## באַטאָג

א זומער-מאָרגן...
מיט געשריי און געוויין, געלעכטער און געזאַנג רײַסט זיך דאָס יונגוואַרג אַרויס פֿון די קליינע הײַזלעך... נאַקעט, האַלב נאַקעט, מיט און אָן שטיקלעך ברויט אין די הענט — לויפֿט עס צום קלאָץ.
מע שפּילט זיך...
און שפּילן זיך הייסט קאָפּירן די עלטערע וועלט...
אלס כאָסן-קאַלע פֿאָרט מען אָפּ שטעקן שפּאַצירן, קושט מען זיך אין די ווינקעלעך, שענקט מען זיך מאַטאָנעס.

איז ווײניק, דערלײגט מענ נאָכ א שערבעלע, נאָכ א שטיקל גלאָז פונ א גרינ אָדער בלױ-געװעזענער פלאש, נאָכ א שטיקל לעדער... אניט, גײט דער שידעכ אָפּ, האָט מענ א דינ-טוירע, צאָלט מענ קנאס...

אלס מאנ אונ ווײַב, קריגט מענ זיכ, שעלט מענ זיכ אונ מע שרײַט... ווערט מענ מיד, לאָזט מענ דעם רעשט גרימצאָרנ אויס צו די קינדער, צו די אָרעמע קינדער פונ האָלצ אונ שמאטעס...

זײ זײַנענ „מאמזײרים״... ווילנ נישט לערנענ, נישט פרום זײַנ, נישט טאָנ די הענט אינ קאלטנ וואסער ארײַנ... נאָר פרעסנ וויל עס אונ זויפנ, אונ עס האָט א קישקע אָנ א דנאָ!

פאר גרויס צאָרעס מאכט מענ זיכ „שטעלנ״; פארשעלט מענ די קוינימס בײנער. צו דער סכוירע — ווי א גאָט אינ הימל — לײגט מענ צו, אונ צאָלנ מוז מענ פאטענט, שטעל-געלט, מעלאמעד-געלט, דירע-געלט, הײַנט קינדער כאסענע מאכנ!.. אונ זײ דינגענ זיכ נאָכ, די נעשאָמע ציִענ זײ ארויס!

דערנאָכ גײט א לעווײַע... א קאצ איז געפּײגערט, צי מע האָט א טויט מײַזל געפונענ...

אינמיטנ קומט דער בעלפער...

---

אינמיטנ טאָג פארנעמענ דעם קלאָצ עטלעכע ווײַבלעכ, קעסטקינדער... באַם שײנעם וועטער זעצנ זײ זיכ אויס אינ די ווײַסע יאקעלעכ, קאָלירטע טיכלעכ אונ, פאר בושע, מיט א האנט-ארבעט אפ דער שויס, אונ מע פארברענגט א גוטע שאָ...

פריִער גײט עס צו שטיל.

אײנע דויטלט זיכ אונ פארצײלט, ווי גוט זי ווערט באהאנדלט. די צווײטע „האָט נאָכ זײַט זי לעבט אזא מאנ נישט געזענ!״. די דריטע שווײַגט אונ פלאמט; די מוז זײַנ די גליקלעכסטע... טײלמאָל שלינגט דאָכ אײנע אראָפּ א טרער נאָכ א טרער — מע האָט איר געוויס אנ אלטנ מעלאמעד געגעבנ...

דערנאָך װערט רעדאַגירט די שטאָט־צײַטונג, די מויל־אַרבעט, װאָס צעפּליט זיך פֿײַל פֿון בויגן אין אַלע שטובן, אין אַלע הײַזער אַרײַן, און קומט דערנאָך צוריק צום קלאָץ פֿאַרגרעסערט און פֿאַרשענערט, נישט צו דערקענען...

עלטערע מענטשן זאָגן, אַז פֿון קלאָץ װעט קיין גוטס ניט אַרויס...

---

פֿאַרנאַכט גייען שוין די יונגע װײַבלעך, אויסגעפּוצט אין די נאָך פֿרישע כאַסענע־קליידער, אונטער דער שטאָט, אַפֿן שאָסיי, באַם ראַנד פֿון קליינעם װעלדל, פֿון װעלכן אונדזער קלאָץ קומט אַרויס. אין װעלדל זיך „אַרײַנלאָזן" איז קיין שטייגער נישט; עס װאָלט שוין צופֿיל „דײַטשעריש" אָדער „פּריציש" געװען... די „שיינע ברײַנדל" פֿלעגט שפּאַצירן אין װאַלד, האָט זי זיך אַמאָל אויסשפּאַצירט, אַף אַלע סאָנים געזאָגט! — „אַ ראַכמאָנעס אַפֿן אַלטן פֿאָטער, אַפֿן געװעזענעם לאַנד־שאַדכן, ער שעמט זיך פֿאַר דער ליכטיקער שײַן!"

דעם קלאָץ פֿאַרנעמען דערװײַל עטלעכע אַלטע װײַבער, װאָס כאַפּן זיך אַרויס אַף אַ רעגע, אַ ביסל לופֿט צו שעפּן, אַ ביסל נאַכעס צו האָבן און אָפּצורײדן זיך פֿון האַרץ...

און אַז מע האָט שוין איבערגעשיט דאָס גאַנצע שטעטל, רעדט מען פֿון „װאָס אַמאָל איז געװען און הײַנט איז ניטאָ"...

אַמאָל זײַנען געװען געטרײַע מענער, און הײַנט — פֿאַר די הינט אַרויסצוװאַרפֿן! איינס באַ איינס טרייפֿע װי כאַזער; עס גייט זיי קיין װאָר װאָרט אַרויס פֿון מויל... נאָך דער כאַסענע איז „קעטשעלע־מע־טשעלע", באַ איין טיש עסט מען, פֿון איין שיסל; — װאָס עלטער, װערט מען קעלטער, און — גאָרניט!

פֿאַרצײַטנס פֿלעגט אַ ייִדענע האַלטן אַן אורייניקל באַם פֿאַרטעך און איר אייגנס באַ דער ברוסט; הײַנט נאָכן דריטן, העכסטנס נאָכן פֿערטן מאָל — קראַנק, דאַרף מען שוין דאָקטוירים און... דאָ רוימט מען זיך אײַן עטלעכע סוידעס און מע שפּײַט אַף אַלע זײַטן...

דעריבער שטראָפֿט טאַקע דער בוירע־אוילעם. ער װעט זײַן גוטס

נישט וואָרפֿן אין דער בלאָטע אַרײַן. פּאַרנאָסע נישטאָ, קליינע קינדער גייען אויס ווי די ליכט, פֿאַר זעלנער נעמט מען... און קאָהאָל און ראָוו שווײַגן! —

אַפֿילע די זון איז שוין אויך ניט דאָס, וואָס אַמאָל! פֿאַרצײַטן פֿלעגט מען פֿון פֿייסעך ביז סוקעס גיין אין איין העמד... עס רעדט זיך גאָר אַזוי, באַשפּינט און באַנייט איז מען געווען, און די ספּאָד-ניצעס מיט די זילבערנע און גאָלדענע פּליטן זײַנען אַ סאַך שענער געווען ווי די הײַנטיקע מאָדעס... נאָר ווערעם איז געווען, אַ מעכײַע! ווער האָט געוווּסט פֿון הוסטן, פֿון שווערן אָטעם, פֿון אַ ציטערניש אין די ביינער?

---

די זון גייט אונטער; די ווײַבער צעלויפֿן זיך; מע דאַרף וועטשע-רע קאָכן פֿאַר די „געטרײַע" מענער, דאָס פּאָנעם פֿאַרפֿלאַמען...

עס פֿלאַמט אויף איין פֿענצטער נאָכן צווייטן, אַ שויבן-טיר נאָך אַ שויבן-טיר. מיט רויטע אויגן קוקן די הײַזלעך אין גאַס אַרײַן, און באַם קלאָץ זיצן שוין מענער נאָך מינכע-אומײַרעוו.

מע רעדט פֿון פּאָליטיק, פֿון פּאַרנאָסע, פֿון יידישן מאַזל...

איינער ציט זיך אויס אויף דער וואַרעמער ערד, שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אויפֿן ווייכן, פֿוילן האַלדז און קוקט אין הימל אַרײַן מיט צאַר, מיט נאַכעס, מיט געבעט — ווי אַמאָל — און דרעמלט אַזוי אײַן.

פּלוצלינג ווערט אַ געשרייערײַ פֿון טיר און פֿענצטער, ווײַבערשע קוילעס רופֿן: כאַיִם, יאָסל, רוווּן!

אַנדערע, מיט אַ צולאָג — אַ קלאָלע: דײַן נאָמען זאָל אַהיים קו-מען! די קאַרטאָפֿל ווערן קאַליע!

---

און ערשט גאָר שפּעט, אַז דאָס שטעטל שלאָפֿט אײַן, רוקט זיך אַרויס פֿון נידעריקסטן הײַזל רעב שמערל, דער געוועזענער לאַנד-שאַדכן...

פערציק יאָר איז ער ארומגעלאָפּנ זוכנ כאסאנים אונ קאלעס, ביז ער האָט די פיס פארלאָרנ; קוים ער שלעפּט זיי נאָכ...

א האלבע געגנט האָט ער כאסענע געמאכט, נאָר זײַנ אייגענע טאָכטער פארגעסנ... אינ גרויענ צאָפּ אריַינ פארגעסנ... נײַנצנ יאָר דערלעבט!

ער זעצט זיכ אונ באהאלט דעמ אלטנ גרויענ קאָפּ אינ די ציטער-דיקע הענט... נאדנ האָט ער איר געקליבנ; נישט געגעבנ, נישט גע-טרונקענ, צופוס מײַלנ גאנצע געגאנגענ... אלצ געקליבנ אונ געקליבנ!

אזא כארפּע, אזא שאנד!

ער הייבט די אויגנ אופ צום הימל.

כאָטש גוט, וואָס זײַנ ראָכל האָט עס נישט דערלעבט!

— גאָט! — וויינט אינ אימ דאָס הארצ. — זאָל זי נאָכ טשוווע טאָנ... אוועק וועל איכ מיט איר... איכ וועל איר א נײַעמ נאדנ צו-זאמענמאכנ... מיט די קראנקע פיס וועל איכ פונ טיר צו טיר אפּ האכנאָסעס-קאלע גייַנ... כאסענע מאכנ, לײַטיש כאסענע מאכנ!

— גאָט, שיק א שטראל פונ דײַנ ליכט אינ איר הארצ אריַינ! א הארצ האָט זי דאָכ א גוטס געהאט, א גוט הארצ... א שטילע איז זי, א גוטע געווענ... א הארציקע!..

— מײַסע-סאָטנ, מײַסע-סאָטנ! — קלאָגט דער אלטער אינ דער שטי-לער נאכט אריַינ...

---

אונ — אז ער גייט אויכ אוועק, דעמלט פארציילט מיר דער קלאָצ זײַנע מײַסעלעכ.

## 3

## נאָכ האלבער נאכט

טאָפּלט דיק ווערט דער קלאָצ; ער גיסט זיכ מיט זײַנ אייגענעמ שאָטנ צוזאמענ. א גרויע, טיפע שטילקייט וויגט זיכ איבערנ טויטנ מארק.

דאָס שטעטל שלאָפט; טיר אונ טויער געשלאָסנ.

זעלטנ רוישט דורכ דער לופט א פלעדערמויז; אנ אומגליקלעכע פלעדערמויז אינ א שטעטל, ווו די ווײַבער האָבנ קײנ האָר ניט! פונ ערגעץ אנ אונטערגאס בלעקט פונ צײַט צו צײַט א קעלבל, גלײַכ עס האָלט זיכ געקלאָגט אפנ לעבנ, וואָס עס איז צו קורצ אונ ווערט נאָכ פאר דער צײַט איבערגעריסנ מיט געוואלט. פונ צײַט צו צײַט לאָזט זיכ הערנ א הונט פונ דער קריסטלעכער פאָרשטאָט, וואָס קאָנ די לעוואָנע נישט לײַדנ; וואָס רירט זי זיכ אינ דער שטילער נאכט? — — —

ווײַטער איז שטיל. די אָרעמע קליינע וועלט האָט קוימ אײַנגע־וויגט אירע קליינע — וועגנ אויכ גענוג טיפע — שמערצנ, האָפענונגענ אונ פארלאנגענ, ווי אויכ איר קליינעמ יעצערהאָרע...

---

שטיל אונ טרויעריק ליגט דער קלאָצ אײַנמיטנ מארק; שטיל אונ טרויעריק שווימט איבער אימ אינ הימל א פוילע געלע לעוואָנע.

וואָס ביסטו, לעוואָנע, אזוי געל? וואָס איז אזוי קרענקלעכ דײַנ פּנעמ? פונ דיר שנײַדט מענ דאָכ קײנ צאָנ-שטעכער, קײנ אײדעס צו נעגל, קײנ קינדלעכ? צי האָסטו מיטלײַד מיטנ יידישנ קעלבל פונ אונ־טערגאס? צי שרעקט דיכ דער הונט פונ דער קריסטלעכער פאָרשטאָט?

אונ פילײַכט ביסטו גאָר אונדז, אָרעמע מענטשנ, מעקאנע, ווײַל, ווי-עס-איז, האָבנ מיר א נאכט צום שלאָפנ?

קראנקע לעוואָנע, — ניט אלע שלאָפנ.

---

דאָ אונ דאָרט שפּארט זיכ ארויס א ביסל ליכט דורכ א שפּאַר'ע פונ א לאָדנ; ארומ מאנכע ציטערנ דינשטראליקע, רויטלעכ-בלויע מאָגנ־דאָווידס...

דאָ איז זיכ א שנײַדער, צי א שוסטער, אונ עפּשער א טאליסימ־וועבער, בא דער ארבעט פארזעסנ. אנ אָרעמע נייטערנ פינטלט מיט די רויטע אויגנ אונ נייט אונ שטעפּט...

דאָרט שטייט אופ א דערשראָקענע מוטער צום קראנקן קינד...

ערגעץ אנדערש, אין א ווינקעלע, בא א גראָשנדיק כיילעוונ ליכטל, ציילט אויס א בעטלער זיינ צוזאמענגעשניטנ פארמעגנ.

אינעם גרויסנ ווייסנ הויז ליגט א קראנקע; זאָרעכ שענקערס ווייב. גיי באַרעכנ א וועלט: א יונג ווייבל, אנ אלטער מאנ; גייט ער ארום א געזונטער, אונ זי ליגט איבעראנאנד! שטארבט זי אוועק! עס ברענט א קאגאנעק, עס זיצט א כעווראַמאנ... זאָרעכ גייט אהינ אונ צוריק פארטראכט אונ רייסט זיכ אייכציקע האָר פונ דער ווייסער באָרד:

„ער האָט זי באלד ניט געוואָלט! וואָס האָט אים געטויגט אזא בלאסע, אזא ווייסע... מע האָט זי אים איינגערעדט; איינגערעדט האָט מענ זי אים... ער האָט יענע געוואָלט, אונ יענער לעהאכעס האָט ער מיט דער כאסענע געהאט"...

עס לייכט זיכ אויכ באַם דייַענ אינ פענצטער. ער זיצט נאָכ אונ לערנט, אונ עפשער קלערט ער שוינ וועגנ א העסכעד; זאָרעכ איז א גוויר אונ א ייד א לאמדנ: „איישעס כאָווער קעכאָווער"...

---

ווו עס איז פינצטער, שלאָפנ אויכ ניט אלע...

קעגניבער דעם גרויסנ ווייסנ הויז שטייט אנ איינגעפאלענע, פאר-פינצטערטע שטוב, מיט אויסגעביסענע ווענט. די לאָדנ העגנגענ קרום אראָפ אונ פארמאכנ שוינ לאנג ניט די פענצטער. אינ שטוב, בא דער בלאסער שיינ פונ דער לעוואָנע, ציטערנ, ווי בלוטיקע פלעקנ, די קישנ אָנ ציכלעכ אפ צוויי שטענדיק-זיפצנדיקע בעטנ...

אנ אלטער איינגעשרומפענער ווייבער-קאָפּ מיט אויסגעלאָשענע אויגנ הייבט זיכ אופ אונ רופט צום צווייטנ בעט:

— טויבע; הערסט?

עס קומט פונ צווייטנ בעט קיינ ענטפער, עס הערט זיכ פונ דאָרטנ קיינ אָטעם נישט. די אלטע לאָזט זיכ דאָכ נישט נארנ. זי ווייסט, אז טויבע שלאָפט נישט, אז זי קענ נישט שלאָפנ... עס לאָזט זי נישט שלאָפנ...

— טויבע! — רופט די אלטע האַרטער.

— וואָס ווילסטו, מאַמע? — הערט זיך פונ צווייטנ בעט אַנ אָפּגע־ריסנ קאָל, אָנגעזאָפּט מיט טרערנ. — ווערסט מיר די קינדער וועקנ!

די אלטע שוויַיגט אַ רעגע. איג דער שטילקייט הערט זי, ווי טויבע דרייט זיך איבער אינ בעט אונ פאַרגראָבט דאָס פּאָנעם אינעם קישנ.

— הערסט, טויבע! — מאַכט די אלטע נאָך אַ וויַילע. — דייַנ מאַנדל וועט הייַנט, מאָרגנ אוועק... ער האָט שוינ דעם טאַלעס־זאַק פאַרפּאַקט... אַנ אַגונע וויל ער דיך לאָזנ, אַנ אַגונע! ער האָט דענ יאַהאַדעס? ער האָט דענ אַ יידיש האַרצ?.. ער וועט דיר קיינ געט נישט לאָזנ!

פונ צווייטנ בעט הערט זיך אַ פאַרשטיקט געוויינ.

די אלטע מרוטשעט פאַר זיך:

— טאַטע־מאַמע נישט געפאָלגט... געפּוצטע שטיוועלעך געוואָלט... זאָרעך — אַ שמאַלצ־גרוב — נישט! געפּוצטע שטיוועלעך! דעם טאַטנ איינ קייווער אַריַינ געפירט... גאָט שוויַיגט ניט, גאָט צאָלט... ריבוינעשע־לוילעמ...

טויבע שפּרינגט אַרויס, ווי אַנ אונטערגעשאָסענער פויגל, פונ בעט, כאַפּט אָפּ זיך אַ קלייד מיט אַ שאַל אונ לויפט אַרויס פונ שטוב.

— אונ יענע שטאַרבט, — מרוטשעט וויַיטער די אלטע אונ לייגט דעמ ציטערדיקנ קאָפּ צוריק אויפנ רויטלעכ־שוואַרצנ קישנ, — וואָלט ער איר אַ געט געלאָזט, וואָלט עפּשער נאָך צוריק זיווּג געווענ...

---

טויבע זעצט זיך אויפנ קלאָץ. די באָרוועסע פיס צעפּליעסנ זיך אינ־נעם זאַמד, די גרויע שאַל מיטנ גרויענ קלייד אינ דער גרויער לע־וואָנע־נאַכט... עס זעט זיך נאָר איר בלאַסער פּאָנעם מיט די ברענענ־דיקע אויגנ, וואָס קענענ זיך ניט אָפּרייַסנ פונ גרויסנ, וויַיסנ הויז, פונ ציטעריקנ ליכט, וואָס רייַסט זיך אַרויס דורכ דעמ שפּאַרע פונ די גריַינע לאָדנ...

— שטאַרבנ — טראַכט טויבע — איז נאָך גאָרניט!

נאָר זי דערשרעקט זיך פאַר אירע אייגענע ווערטער; זי זאָל עס נאָר נישט האָבן ארויסגעזאָגט אין א בייזער שאָ!

— לעב, לעב, מירעלע! — ליספּלט זי מיט ציטעריקע ליפּן, — זאָל דיר גאָט דיין לעבן באַגיינען... הונדערט און צוואַנציק יאָר זאָלסטו לעבן...

דאָס געבעט רייסט זיך אָפּ פון זיך אליין. טרויעריק-פינצטערע געדאַנקען באַהערשן זי. נאָך באַטאָג האָט זי געהערט, אז דער דאָקטער האָט אָפּגעטרעטן פון מירלס בעט, אז אלע מעווינים האָבן אוועקגעמאַכט מיט דער האַנט...

„איין גאָט קען העלפן", האָט מען געזאָגט, און טויבעס האַרץ ציטערט, צי וויל נישט גאָט אויספירן זיינס... צי איז זי מיט זאָרגן קיין זיווּג ניט געווען...

ער (איר מאַן) מוז אוועק, עס איז שוין ניטאָ פונוואַנען צו לעבן... אמעריקע ציט אים... און יענע — יענע שטאַרבט...

זי בלייבט און זאָרג בלייבט...

— „נאָר ניט קיין געט, נאָר ניט קיין געט!" — צאַפּלט אין איר דאָס האַרץ. —

דאָס אלץ האָט מיר דער קלאָץ פאַרציילט.

---

# כאסענע געהאט

(דערציילט פונ א פרוי)

איכ געדענק מיכ נאָכ פונ דער צײַט, ווענ איכ האָב אינ צייכנ געשפּילט אונ זומער-צײַט אפנ הויפ פונ ליימ כאלעס געבאקנ; ווינטער בינ איכ א גאנצנ טאָג געזעסנ אינ שטוב אונ געוויגט א קליינ ברוי-דערל, וואָס איז געבוירנ געוואָרנ קראנק אונ האָט געקרענקט ביז צומ זיבעטנ יאָר, ווענ עס איז געשטאָרבנ אפ אנ אונטערגאנג. —

זומער, קאָלזמאנ די זונ האָט געשײַנט, איז דאָס אומגליקלעכע באשעפעניש געזעסנ אפנ הויפ, געוואַרעמט זיכ אפ דער זונ אונ גע-קוקט, ווי איכ שפּיל אינ צייכנ.

ווינטער איז עס פונ וויג נישט ארויס, אונ איכ האָב אימ מײַסעס דערציילט אונ לידלעכ געזונגענ. די רעשט ברידער זײַנענ אלע אינ כיידער געווענ.

די מאמע איז שטענדיק געווענ פארנומענ, עפּשער 10 פּארנאָסעס האָט זי געהאט, די אָרעמע מאמע: א פּשעקופּקע געווענ, לעקעכ גע-באקנ, אפ בריסנ אונ כאסענעס געגאנגענ... טוקערנ געווענ, קוואָרימ-מעסטערנ, זאָגערנ, אונ אזוי אנ אײַנקויפערנ פאר באלעבאטישע הײַזער.

דער טאטע איז פאר 3 רובל א וואָכ געווענ א שרײַבער בא רעב זײַנוול טערקעלבוימ אינ וואלד. — אונ דעמלט זײַנענ נאָכ די גוטע צײַטנ געווענ; די מעלאמדימ — באצאָלט, דירעגעלט — קימאט צו דער צײַט, קיינ טרוקנ ברויט אינ מויל ארײַנ האָט נישט געפעלט.

טיילמאָל האָט די מאמע אפ וועטשערע א קולישע געמאכט. דעמלט איז שוינ א גאנצער יאָמטעוו געווענ. דאָכ האָט עס זעלטנ פּאסירט.

די מאמע פֿלעגט מערסטנטיילס אהיים קומען שפּעט, מיד; גאַנץ אָפּט פאַרוויינט און פאַרביטערט. זי קלאָגט זיך, אַז עס ווערן איר באַ די באַלעבאָסטעס כּיוועס פאַרפאַלן; אַז מע הייסט איר אויסלייגן, דערנאָך — קומען מאָרגן און איבערמאָרגן... דערווײַל ווערן נײַע קניִעס געמאַכט, און צום סאָף, אַז עס קומט צום כעזשבן, געדענקט נישט די באַלעבאָסטע, צי זי האָט נישט באַצאָלט פאַרן אייערנעכטיקן האַלבקוואַרטירל פּוטער... מע „שטעלט עס דערווײַל אַוועק", מע מוז פרעגן דעם מאַן, וואָס איז דערבײַ געווען: ער האָט אַן אײַזערנעם זיקאָרן, וועט אַוודאי געדענקען, וויאַזוי דער כעזשבן איז געווען. צומאָרגנס ווײַזט זיך אויס, אַז דער מאַן איז אהיים געקומען צו שפּעט פון בעכמעדרעש און זי האָט'ן פאַרגעסן צו פרעגן; דעם דריטן טאָג דערציילט זי מיט אַ נאַכעס, אַז זי האָט געפרעגט דעם מאַן, נאָר ער האָט זיך אָפּ איר געבייזערט, וואָס זי פאַרדרייט אים דעם קאָפּ: „ער האָט מער נישט וואָס צו טאָן, נאָר אויסצוהערן ווײַבערשע כעזשבוינעס!" און עס בלײַבט, אַז זי וועט זיך אַליין דערמאָנען.

דערנאָך הייבט זיך איר אָן דאַכטן, קימאַט אָפּ זיכער, אַז זי האָט דאָס האַלבע קוואַרטירל פּוטער פאַרעכנט; שפּעטער וואָלט זי מויערן דערויף געשטעלט. און אַז די אָרעמע מאַמע דערמאָנט נאָכאַמאָל וועגן קוואַרטירל פּוטער, הייסט זי שוין אַ כצופּע, מאַכט זי אַ בילבל, וויל זי אויסנאַרן אַ האַלבן גילדן... איז מען זי מאַסרע, אַז אויב זי וועט נאָכאַמאָל אַ פּיפּס טאָן וועגן דער פּוטער, זאָל זי זיך מער אָפּ די אויגן נישט ווײַזן!

די מאַמע, וואָס איז אַמאָל אַ „גווירישע טאָכטער" געווען, און וואָלט, ווען נישט דער פּאָרעץ, וואָס האָט איר צוגענומען דעם נאַדן, אַליין אַ באַלעבאָסטע געווען, האָט עס נישט געקאָנט לײַכט איבערטראָגן; זי פֿלעגט טיילמאָל אהיים קומען מיט געשוואָלענע אויגן, געוואָרפן זיך מיט אַ געוויין אָפּן בעט און אַזוי אָפּליגן אַ גרויסע ווײַלע און וויינען, און ביטערלעך וויינען, ביז זי האָט זיך אויסגעוויינט דאָס ביטערע האַרץ, און איז אופגעשטאַנען און צאַפגעקאָכט אונדז אַ ביסל קליסקעלעך מיט באָבערלעך.

טיילמאָל האָט זי אויסגעלאָזט דעם קאס צו אונדז; אייגנטלעכ, דעריקער צו מיר: דעם קראנקנ בערל האָט זי קיינמאָל גאָרנישט גע-זאָגט, די ברידער פונ כיידער אויכ גאנצ זעלטנ — זיי פלעגנ נעבעכ אהיים קומענ אזוי אויכ מיט ברוינע-בלויע, אויסגעקניפּענע באקנ אונ אונטערגעשלאָגענע אויגנ; פאר דאָס האָב איכ גאנצ אָפט געלייזט אנ אומזיסטנ ריס בא די האָר אָדער אזוי א מאטנאס-יאָד.

„דו ביסט נישט קראנק געוועזנ דערווייל אָנצולייגנ א פייער, צו-שטעלנ א טעפּל וואסער" — אונ דאָכ, אז איכ האָב עס אמאָל געטאָנ, איז נאָכ ערגער געוועזנ: „זע נאָר מיינ באלעבאָסטע! גאָר נישט, א פייער לייגט זי אָנ, דאָס האָלצ זאָל זיכ דערווייל אומזיסט אונ אומנישט אויסברענענ... עס ארט זי עפּעס מיינ פראצע? — בעדאלעס מאכט זי מיכ!"...

טיילמאָל האָט דער טאטע געלייזט אונטער די אויגנ; די מאמע זעצט זיכ אנידער אפנ בעט מיטנ פּאָנעם צום פענצטער, אונ, ארויס-קוקנדיק אינ דער לופט ארייַנ, קרעכצנ: „עס ארט אים עפּעס? ער זיצט זיכ דאָרט אינ וואלד, ווי א כראביע, שמעקט פרישע לופט, ליגט זיכ אפנ גראָז, פרעסט זויערמילכ, עפּשער נאָכ סמעטענע, איכ ווייס? אונ דאָ דארנ מיר די קישקעס!"...

בא דעם אלעם איז דעמלט גוט געוועזנ. מע האָט קיינ הונגער נישט געליטנ, אונ נאָכ א וואָכ מיט פארשיידענע קליינע צאָרעס איז געקומענ א פריילעכער, אלקאָלפּאָנעם, א רויִקער שאבעס. דער טאטע פלעגט אָפט אהיים קומענ, אונ די מאמע פלעגט זיכ ארומדרייענ אינ אלע ווינקעלעכ אונ בעסאָד-סוידעס שמייכלענ.

אָפט פלעגט פרייטיק פארנאכט, פאר ליכט בענטשנ, די מאמע מיכ קושנ אינ קאָפּ אריינ... איכ האָב געוואוסט, וואָס דאָס באטייט! וואָרעם, אז עס האָט געטראָפנ, אונ דער טאטע איז נישט אהיים געקומענ אפ שאבעס, בינ איכ א „מאכשייפע" געוועזנ! האָט מיר די מאמע מיטנ קעמל האלב האָר אויסגעריסנ אונ דערצו נאָכ עטלעכע זעצ דערלאנגט אינ די פלייצעס. איכ האָב נישט געוויינט; מיינ קינדיש הארצ האָט געפילט, אז דאָס מיינט די מאמע נישט מיכ, נאָר איר טרויעריק מאזל!

דערנאָכ האָט זיכ דער וואלד אויסגעהאקט, דער טאטע איז אינ דער

היים געבליבן, און עס האָט אָנגעהויבן פּעלן אין מויל אַרײַן. געפּעלט, אײגנטלעך, האָט נאָר דעם טאַטן, דער מאַמען און מיר; די רעשט קינדער האָבן ווייניק-וואָס געוווּסט דערפון; דאָס קראַנקע ברודערל האָט גאָרנישט געדאַרפט, עס האָט געזופּט אַמאָל אַ ביסל גריץ, אויב מע האָט אים דערלאַנגט, און אַלץ איינעם געקוקט אויפן בעליק... די אַנדערע, נעבעך, „גייען אין כיידער אַרײַן, זיי מוזן דאָך האָבן אַ לעפּל געקעכץ״... נאָר איך בין גאַנץ אָפט הונגעריק געווען.

דער טאַטע מיט דער מאַמען האָבן שטענדיק דערמאָנט די אַמאָליקע צײַט מיט טרערן אין די אויגן; איך — פאַרקערט! איך האָב מיך אין דער שלעכטער צײַט בעסער געפילט. זינט עס האָט געפעלט ברויט אין שטוב, האָט מיך די מאַמע טאָפּלט ליב באַקומען; באַם קעמען האָט זי מיר קיין האָר נישט געריסן, אין די דאַרע ביינער אַרײַן נישט געבוכעט; דער טאַטע פלעגט מיר באַם וואַרעמעס גלעטן איבערן קאָפּ און פאַרשפּילן מיך, איך זאָל נישט זען, ווי מע פאַרטיילט מיך; און איך בין נאָך בײַ מיר גרויס געווען, אַז, ווען מע דאַרף פאַסטן, פאַסט איך גלײַך מיטן טאַטן און מיט דער מאַמען, אַז איך בין שוין אַ גרויסע מוידן!

אין דער צײַט איז דאָס קראַנקע ברודערל געשטאָרבן.

געשען איז עס אַזוי: איינמאָל האָט זיך די מאַמע אויפגעכאַפּט און געזאָגט איבערן בעט צום טאַטן: „ווייסט, בערלען איז אַוודאי בעסער, ער איז אַ גאַנצע נאַכט געשלאָפן, קיין איינציק מאָל נישט געוועקט״.

איך האָב עס דערהערט — איך האָב שטענדיק אַ לײַכטן שלאָף געהאַט — און בין מיט אַ פרייד אַראָפּגעשפּרונגען פון געלעגער אויפן קאַסטן, און צוגעלאָפן זען מײַן „איינציק ברודערל״ (אַזוי האָב איך עס גערופן, אַזוי ליב האָב איך עס געהאַט). איך האָב געהאָפּט צו דערזען אויפן פאַרמעטענעם פּנימל אַ שמייכל, וואָס פלעגט זיך באַווײַזן אַ מאָל אין אַ יאָר... נאָר איך האָב אַ טויט פּאָנעם געפונען.

עס איז געוואָרן אַ שיווע...

דערנאָך איז דער טאַטע נישט געזונט געוואָרן, און דער רופא האָט אָנגעהויבן צו גיין אין שטוב אַרײַן...

קאָלזמאַן עס איז געווען ווי-עס-איז צו צאָלן, פלעגט אַרײַנגיין

דער אלטער רויפע אליין; דערנאָך, אַז דאָס גאַנצע בעטגעוואַנט מיטן הענגלייכטער, מיטן טאַטנס סידורים-שאַנק, וואָס די מאַמע האָט אַ צייט נישט געלאָזט רירן, זיינען אַרײַן אין רעפּועס, האָט דער רויפע אָנגע-הויבן שיקן דעם „יונג".

דער יונג איז דער מאַמען שרעקלעך נישט געפעלן: עס שפּראָצן אים עפּעס שפּיציקע „וואָנסעלעך", גייט אָנגעטאָן ווי אַ גוי, און דערצו וואַרפט ער אַלעמאָל אַרײַן עטלעכע ווערטער פּויליש.

איך האָב פאַר'ן מוירע געהאַט, אַדײַעם ווייס איך נישט פאַרוואָס. נאָר ווען ער האָט געדאַרפט קומען, פלעג איך אַרויסלויפן אפן הויף און איבערוואַרטן, ביז ער וועט אַוועקגיין.

איינמאָל איז אַ שאָכן קראַנק געוואָרן, און אַנ אָרעמאַן, און אויך, אפּאָנעם, נאָך אַלע קיילים אין שטוב, און דער יונג (אַדײַעם ווייס איך נישט, וויאַזוי ער האָט געהייסן) איז פון אונדזער שטוב אַריבערגעגאַנגען צום שאָכן. דורכגייענדיק דעם הויף, האָט ער מיך געטראָפן זיצן אפן קלאָץ.

איך האָב אַראָפּגעלאָזט די אויגן. דערפילנדיק, אַז ער קומט צו מיר נעענטער, איז מיר קאַלט געוואָרן אין די קנעכל און דאָס האַרץ האָט מיר אָנגעהויבן שטאַרקער צו שלאָגן.

ער איז צוגעקומען, האָט מיך אָנגענומען בא דער גאָמבע, אופגע-הויבן מיר דעם קאָפּ און געזאָגט, דאַפקע אפ פּראָסט יידיש:

— אַ שיינע מויד, ווי דו ביסט, דאַרף נישט זײַן צעשויבערט, דאַרף זיך אויך פאַר קיינעם נישט שעמען!

ער האָט מיך אָפּגעלאָזט, און איך בין אַרײַנגעלאָפן צוריק אין שטוב. איך האָב געפילט, אַז דאָס גאַנצע בלוט שלאָגט מיר אַלץ אין איינעם אין פּאָנעם אַרײַן. איך האָב מיך פאַרוקט אין טונקלסטן ווינקל אונטערן אויוון, מ'קלוימערשט אויסצײַלן די ברודיקע וועש... דאָס איז געוועזן מיטוואָך.

פרײַטיק האָב איך דאָס ערשטע מאָל דער מאַמען אַליין דערמאָנט, אַז מע דאַרף מיר אויסוואַשן דעם קאָפּ, אַז איך בין צעשויבערט.

— אַ קלאָג איז צו מיר! — האָט די מאַמע פאַרבראָכן די הענט. — איך האָב זי דאָך דרײַ וואָכן נישט געקעמט.

פלוצלינג ווערט זי בייז:

— מאכשייפע! — האָט זי אויסגעשריִען. — אזא גרויסע, בייז-דער-וואקסענע מויד קאָן זיך אליין נישט צוואָגן! אַן אנדערע אפּ דייַן אָרט וואָלט נאָך די אנדערע קינדער געוואשן!

— סאָרעלע, שרייַ נישט! — בעט זיך דער טאטע; נאָר דער מא-מעס קאָס ווערט שטארקער און שטארקער:

— מאכשייפע, הערסט! שוינ זאָלסטו דיך צוואָגן! הערסט! — די אויסע רעגע! הערסט!

און דאָ האָב איך מוירע צוצוגיין צום קוימען, ווו דאָס הייסע וואסער איז געשטאנען, ווייַל, דורכגייענדיק דורך דער מאמען, וואָלט איך געלייזט א בוך. געראטעוועט האָט מיך, ווי געוויינלעך, דער טאטע.

— סאָרעלע, — האָט ער געקרעכצט, — שרייַ נישט, מיר טוט דער קאָפּ אזוי וויי!..

דאָס איז געווען געוועזן. דער מאמעס קאָס איז ווי מיט דער האנט אוועקגענומען געוואָרן... איך בין פרייַ דורכגעגאנגען די שטוב און צוגעקומען צום טאָפּ וואסער.

איך צוואָג מיך אומגעלומפּערט און זע, ווי די מאמע גייט צו צום טאטן און ווייַזט אפּ מיר מיט א שווערן זיפץ.

— ריבוינעשעלוילעם, עס וואקסט נעבעך, ווי אפּ הייווז, — מאכט זי שטיל צום טאטן, נאָר מייַן אויער כאפּט יעדעס וואָרט, — שיינ ווי א גאָלד... און וואָס?

דער טאטע האָט פארענטפערט מיט נאָך א טיפערן זיפץ.

דער רויפע האָט נישט איין מאָל פארזיכערט, אז דעם טאטן איז גאָרנישט. דאָס אגמעסנעפעש נאָר האָט זיך אים געלייגט אפּ דער לע-בער, דעריבער איז זי אופגעשוואָלן און דריקט צו דאָס הארץ; מער נישט! דעריקער זאָל ער מילך טרינקען, קיין אגמעסנעכייַש זיך נישט צולאָזן, גיין אינ גאס ארייַנ... ריידן, שמועסן, זוכן זיך אן אייסעק... דער טאטע האָט אָבער געזאָגט, אז די פיס ווילן אים נישט טראָגן. פארוואָס, בין איך ערשט שפּעטער געוואָר געוואָרן.

איינמאָל, זומער פארטאָג, האָט מיך אופגעוועקט א שמועס צווישנ טאטע-מאמע:

— ביסטו דיך אינ וואלד, נעבעכ, אָנגעגאנגענ,— מאכט די מאמע.

— א שײַלע דאָס איז,— ענטפערט דער טאטע,— אינ וואלד האָט מענ אפ צוואנציק ערטער געהאקט אפ איינ מאָל. פארשטייסט, דער וואלד איז דעמ פּאָרעצס, די פויערנ האָבנ אָבער סערוויטוטנ: זיי קומט די צווײַגנ, וואָס פאלנ אראָפּ אונ וואלגערנ זיכ אינ וואלד, ווי אויכ דאָס האָלצ פונ די ביימער, וואָס א דונער צעשלאָגט... נו, אז מע האקט אויס דעמ וואלד, האָבנ זיי דאָכ העזעק דעמ סערוויטוט, מוזנ זיי זיכ קויפנ האָלצ צומ בויענ אונ צומ הייצנ. האָבנ זיי, פארשטייסט זיכ, געוואָלט לייגנ אנ ארעשט, אראָפּברענגענ דעמ קאָמיסאר; זיי האָבנ זיכ אָבער צו שפעט מעיאשעוו געוועזנ. רעב זײַנוועלע האָט נאָר דער-זענ, אז זיי קראצנ זיכ אינ די קעפּ, האָט ער שוינ געגעבנ א באפעל, מע זאָל אנידעורשטעלנ נאָכ 40 העקער! עס איז געוואָרנ א גענעמ, עפּשער אפ 20 ערטער האָט מענ געהאקט! אונ זײַנ מוז מענ אומע-טומ... וואָס קלערסטו? די פיס פלעגנ מיר געשוואָלנ ווערנ ווי די באָרקעס...

— ווי א מענטש זינדיקט! — קרעכצט די מאמע. — איכ האָב גע-מיינט, אז דו האָסט דאָרט גאָרנישט וואָס צו טאָנ...

— אוואדע! — שמייכלט טרויעריק דער טאטע. — נאָר פונ גרויענ טאָג ביז שפּעטער נאכט אפ די פיס!

— אונ אלצ פאר דרײַ רובל א וואָכ? — בייזערט זיכ די מאמע.

— ער האָט מיר צוגעזאָגט צו דערלייגנ; דערווײַל, ווייסטו דאָכ, איז אימ די טראַטווע אונטערגעגאנגענ... האָט ער געזאָגט, אז ער איז בע-דיל-האדאל געוואָרנ...

— אונ דו גלייבסט?

— עס קאָנ זײַנ...

— שטענדיק — בייזערט זיכ די מאמע — ווערט ער בעדיל-האדאל אונ דאָס פארמעגנ וואקסט אונ וואקסט.

— אז גאָט העלפט, — זיפצט דער טאטע.

עס איז שטיל א ווײַלע.

— ווייסט נישט, וואָס מאכט ער? — פרעגט דער טאטע, וואָס איז שוין קימאט א יאָר נישט ארויס פון שטוב.

— וואָס זאָל ער מאכן? ער האנדלט מיט פלאקס, מיט אייער; א שענק האָט ער...

— און זי וואָס מאכט?

— זי, נעבעך, קראנק...

— א שאָד, א גוט מענטש —

— א בריליאנט! די איינציקע באלעבאָסטע, וואָס „מאכט נישט איין" א גראָשן; זי וואָלט אפילע געצאָלט צו דער צײַט, נאָר זי האָט בא אים ווייניק-וואָס צו שאפן...

— דאכט זיך, — מאכט דער טאטע, — דאָס דריטע ווײַב.

— אוואדע! — באשטעטיקט די מאמע.

— זעסט, סאָרע, — מאכט דער טאטע, — דאכט זיך שוין — א ייד א גוויר... האָט ער קיין מאזל נישט צו ווײַבער... יעדערער האָט זײַן פעקל.

— און אזא יונג בלוט! — האָט צוגעגעבן די מאמע. — אינגאנצן עטלעכע און צוואנציק יאָר.

— נו גיי ווייס? ער איז אוואדע א זיבעציקער און — אײַזן שטארק.

— ווי הײסט — ניט קנאקט ער!

— און אָן א בריל!..

— און זײַנע צײנער; די פאָדלאָגע ציטערט!

— און איך, זעסטו, ליג אין בעט.

עס האָט מיך דורכגענומען בא די לעצטע ווערטער.

— גאָט וועט העלפן, — טרייסט די מאמע.

— נאָר זי, זי... — קרעכצט ווײַטער דער טאטע און ווארפט א בליק צו מיר אפן קאסטן. — זי האָקסט, קיין אײַנהאָרע, ווי אפ הייוון... פאָרנט... האָסט געזען?..

— א שײַלע דאָס איז!

— און א פאָנעם... שײַנט ווי די זון...

עס איז ווײַטער שטיל געוואָרן א ווײַלע.

— ווייסט, סאָרעלע, — מאכט וויַיטער דער טאטע, — מע איז נישט יויצע פאר גאָט.

— מיט וואָס?

— מיט איר! ווי אלט ביסטו געווען צו דער כאסענע?

— י י נ ג ע ר פאר איר!

— נו?..

— נו... וואָס?

אין דער אייגענער מינוט האָט מען צוויי קלעפ געטאָן אין לאָדן.

די מאמע איז אראָפּגעשפרונגען פון בעט. אין איין רעגע האָט זי אָפּגעריסן דאָס שטריקל, אפ וועלכן דער לאָדן האָט זיך געהאלטן, און אופגעפראלט דאָס פענצטער, וואָס האָט שוין לאנג קיין באשלעג נישט געהאט.

— וואָס איז? — האָט זי ארויסגעשריגן אין גאס אריַין.

— ריווקע זיַינוולס איז ניפטער געוואָרן.

די מאמע איז צוריקגעשפרונגען פון פענצטער.

— באָרעך דיַיען עמעס!.. — האָט דער טאטע ארויסגעזאָגט. — שטארבן איז גאָרנישט.

— באָרעך דיַיען עמעס, — מאכט די מאמע, — ערשט פון איר גע-רעדט!

---

דעמלט האָב איך געהאט א ווונדערלעכע אומרויִקע צײַט. איך ווייס אליין נישט, וואָס מיט מיר איז געוועזן.

טיילמאָל בין איך גאנצע נעכט נישט געשלאָפן. די שלייפן האָבן מיר ווי האמער געקלאפט און דאָס הארץ האָט גענאָגט, גליַיך עס וואָלט זיך געשראָקן פאר עפּעס, אָדער שרעקלעך נאָך עפּעס געבענקט; טייל-מאָל איז מיר וויַיטער אזוי ווארעם און ווייך געוועזן אפן הארץ, אז איך האָב געוואָלט אלץ ארומנעמען און קושן און האלדזן.

נאָר וועמען? די ברידערלעך האָבן זיך נישט געלאָזט; דער 5-יאָריקער יוזכעלע האָט אויך געקאָפּעט און געשריגן, אז ער וויל זיך נישט שפּילן מיט א מיידל. די מאמע, אויסער דעם, וואָס איך האָב

פאר איר מוירע געהאַט, איז שטענדיק בייז און פאַריאָגט... דער טאַ-טע — נאָך קראַנקער.

בעמעשעך א קורצער צײַט איז ער איינגאנצן גראָ געוואָרן ווי א טויב, דאָס פּאָנעם איז אײַנגעשרומפּן געוואָרן ווי א פּארמעט, און די אויגן האָבן ארויסגעקוקט אזוי אומבאהאָלפן און מיט אזא שטום גע-בעט, אז עס איז גענוג געווען, איך זאָל עס דערזען און ארויסלויפן פון שטוב מיט א געוויין.

דעמלט דערמאָן איך מיך אָן מײַן בערלען... אים וואָלט איך גע-קאָנט אלץ דערציילן, קושן און האלדזן... ליגט ער דאָרט אין דער קאלטער ערד, און עס כאפט מיך אָן נאָך א ביטערלעכער געוויין...

די טרערן, אייגנטלעך, פלעגן זיך מיר באוויַזן גאנץ אָפט אָן א טאַם.

טײַלמאָל קוק איך פון פענצטער ארויס אפן הויף און זע, ווי די לעוואָנע שווימט און שווימט צו אַלע מאָל נעענטער צו דער אויסגע-וויַסטער צוים, וואָס איז קעגן אונדזער פענצטער, און קען די צוים נישט אריבערשווימען.

און איך באקום פלוצלינג ראכמאָנעס אפ דער לעוואָנע, עס הייבט מיך אָן קלעמען באַם הארצן און די אויגן גיסן און גיסן!..

טײַלמאָל, וויַטער, פלעג איך ארומגיין מאַט. איך פלעג מיך אזוי-ארום וואקלען אָן קויעך מיט א בלאס פּאָנעם און אונטערגעשלאָגענע אויגן; אין די אויערן רוישט, דער קאָפּ איז שווער, און עס דאכט זיך מיר, אז עס איז מיר אזוי נישט גוט אפ דער וועלט, אזוי נישט גוט, אז עס וואָלט אמבעסטן געווען צו שטארבן...

דעמלט, וויַטער, האָב איך בערלען שטארק מעקאנע געווען... ער ליגט זיך דאָרט אזוי רויִק...

גאנץ אָפט אויך האָט זיך מיר געכאָלעמט, אז איך שטארב, אז איך ליג אין קייווער, אָדער אז איך פלי ארום אין הימל אין אײַן העמד מיט צעלאָזטע האָר און קוק אראָפּ, און זע, וואָס אפ דער וועלט טוט זיך...

פונקט דעמלט האָב איך פארלוירן די אַלע כאווערטעס, מיט וועלכע איך האָב אמאָל אין צייכן געשפּילט, און האָב שוין קיין אנדערע נישט באקומען. איינע איז שוין ארויסגעגאנגען שאבעס מיט אן אטלעסענע

יופּע און א קײט און א זײגער! עס האָט שוינ געװאָלט זײַנ איר כאַ-סענע. אנדערע זײַנענ „קאַלע-מײדלעכ" געװאָרנ. שאדכאָנים און מעכו-טאָנים „האקנ אָפּ די טירנ", און מע האָט זײ געקעמט, געװאַשנ, גע-קלײדט, בעשאס װענ איכ בינ נאָכ ארומגעגאנגענ באָרװעס, אינ אנ אלטע בעזינע, קורצע ספּאָדניצע, אינ אנ אויסגעבליאקעװעטנ ציצענעמ סטאניק, װאָס האָט אפּ מיר אפּנ סאמעראָדנע פּראָנט אינ עטלעכע ער-טער געפּלאצט, און איכ האָב אימ צוגעלאטעט מיט אנ אנדער קאָליר ציצ... די קאלע-מײדלעכ האָבנ מיכ געמײַדט, און מיט ייִנגערע קינדער האָב איכ מיכ געשעמט צו כאװערנ; אויכ האָבנ מיכ שוינ די צײַכנ נישט געװײַלט. באטאָג פֿלעג איכ מיכ דעריבער נישט ארויסװײַזנ אינ גאס ארײַנ. די מאמע, װײַטער, האָט מיכ אינ ערגעצ נישט געשיקט, און אפֿילע, אז איכ האָב אמאָל געװאָלט גײנ א גאנג, נישט געלאָזט. פֿאר דאָס פֿלעג איכ מיכ אָפּט ארויסכאפּנ פֿארנאכט און ארומגײנ אונ-טערנ הויז בא די שפּײַכלער, אָדער זעצנ זיכ נישט װײַט פֿונ טײַכ.

זומער פֿלעג איכ אזוי זיצנ ביז שפּעט אינ דער נאכט ארײַנ.

אינ אָנהײב פֿלעגט אמאָל די מאמע צו מיר ארויסגײנ; צוגעגאנגענ איז זי קײנמאָל נישט, נאָר אינ טויער זיכ געשטעלט, אובגעקוקט זיכ און אװעקגעגאנגענ, — איכ פֿלעג קימאט הערנ, װי זי זיפֿצט, קוקנדיק אפּ מיר פֿונװײַטנ.

מיט דער צײַט האָט דאָס אויכ אופּגעהערט.

איכ פֿלעג מיר אָפּזוכנ אײנע אלײנ שאָענלאנג און אײַנהערנ זיכ, װי עס רוישט דאָס קלײנע טײַכל, װי עס שפּרינגענ די פֿרעש פֿונ גראָז אינ טײַכ ארײַנ, אָדער נאָכיאָגנ ערגעצ א לײַכטנ װאָלקנ אינ הימל...

איכ פֿלעג אמאָל האַלב אײַנשלאָפֿנ מיט אָפֿענע אויגנ.

אײנמאָל האָב איכ דערהערט פֿונװײַטנס א טרויעריק לידל. דאָס קאָל איז געװעזנ יונג און פֿריש, און עס האָט זיכ מיר מיט א טרויער אויסגעגאָסנ אינעמ גאנצנ לײַב; עס איז געװעזנ א ייִדיש לידל.

דאָס זינגט דער „רויטע-יונג", — טראכט איכ, — אנדערע װאָלטנ זמי-רעס, נישט קײנ לידלעכ געזונגענ.

איכ טראכט אויכ, אז מע מוז ארײַנ אינ שטוב און אזױנע ליד-

לעכ נישט הערנ און מיטנ ווּיפּע־יונג זיכ נישט טרעפנ. נאָר אופגעהויבנ האָב איכ מיכ נישט; איכ בינ עפּעס ווי פאַרכאַלעמט געוועזנ, מאַט, און בינ געבליבנ זיצנ אפנ אָרט, כאָטש דאָס הארצ איז אומרויִק געוועזנ.

דאָס לידל קומט צו אלצ נעענטער און נעענטער, עס גייט פונ יענער זײַט טײַכ איבער דער בריק.

איכ הער שוינ טריט אפנ זאמד, איכ וויל ווײַטער אנטלויפנ, נאָר די פיס פאָלגנ נישט און איכ זיצ ווײַטער.

ענדלעכ איז ער צוגעקומענ צום אָרט, וווּ איכ בינ געזעסנ.

— דו ביסט עס, לייע?

איכ ענטפער נישט.

אינ די אויערנ רוישט מיר נאָכ שטארקער, די שלייפנ שלאָגנ נאָכ האַסטיקער, און עס דאכט זיכ מיר, אז איכ האָב קיינמאָל אזא גוט און זיס קאָל נישט געהערט.

ער מאכט זיכ ווייניק דערפונ, וואָס איכ ענטפער אים נישט. ער זעצט זיכ נעבנ מיר אפנ קלאָצ און קוקט מיר גלײַכ אינ פּאָנעם ארײַנ.

זײַנ בליק האָב איכ נישט געזענ, ווײַל איכ האָב די אויגנ נישט אופגעהויבנ, דאָכ געפילט האָב איכ, ווי עס האָט מיר געברענט דאָס פּאָנעם.

— ביסט א שיינע מויד, לייע, — מאכט ער צו מיר, — א שאָד!

עס האָט מיכ אָנגעכאפּט א שרעקלעכ געוויינ, און איכ בינ אנטלאָפנ.

דעמ צווייטנ אָוונט בינ איכ שוינ נישט ארויסגעגאנגענ, דעמ דריטנ אויכ נישט. נאָר דעמ פערטנ, פרײַטיקצונאכטס, איז מיר שוינ אזוי שווער געוועזנ אפנ הארצנ, אז איכ האָב געמוזט ארויסגיינ; עס האָט זיכ מיר געדאכט, אז איכ וועל דערשטיקט ווערנ אינ שטוב. ער האָט אפּ מיר, אפּאָנעמ, אינ שאָטנ, אונטער א הויז־ווינקל, געוואַרט, ווײַל, קוימ האָב איכ מיכ געזעצט אפ מײַנ אָרט, איז ער מיר ווי אויסגעוואקסנ פונ אונטער דער ערד.

— אנטלויפ נישט פאַר מיר, לייע! — האָט ער זיכ מיט א ווייכ, הארציק קאָל געבעטנ. — גלייב מיר, איכ וועל דיר קיינ שלעכטס נישט טאָנ.

זײַנ ערנסט, ווייכ קאָל האָט מיכ בארויִקט.

ער האָט אָנגעהויבנ ציִענ א שטיל טרויעריק לידל, אונ מיר זײַנענ ווײַטער בעקומענ די טרערנ אינ די אויגנ ארײַנ. איך האָב מיך נישט געקאָנט אײַנהאלטנ אונ האָב אָנגעהויבנ שטיל צו וויינענ.

— וואָס וויינסטו, לייע? — האקט ער אָפ אונ פרעגט, אָנעמענדיק מיך בא דער האנט.

— דו זינגסט אזוי טרויעריק, — האָב איך אימ געענטפערט אונ ארויסגעצויגנ די האנט פונ זײַנע.

— איך בינ א יאָסעמ, — מאכט ער, — עלנט... אינ דער פרעמד.

עס האָט עמעצ זיך באוויזנ פונ גאס, אונ מיר זײַנענ זיך צעלאָפנ.

דאָס לידל האָב איך מיך אויסגעלערנט אונ פלעג עס זינגענ שטי-לערהייט יעדע נאכט אפנ געלעגער; דערמיט בינ איך אײַנגעשלאָפנ, דערמיט בינ איך אופגעשטאנענ. דאָך גאנצ אָפט האָב איך כאראָטע גע-האט אונ געוויינט, וואָס איך האָב מיך באקאנט מיט א „רויפע-יונג", וואָס קליידט זיך דײַטש אונ גאָלט זיך דאָס בערדל. וואָלט ער זיך אזוי געטראָגנ ווי דער אלטער רויפע, וואָלט ער כאָטש א פרומער ייִד געווענ... איך האָב געוווסט, אז ווענ דער טאטע ווערט עס געוואָר, שטארבט ער, כאסוועשאָלעמ, פאר אגמעסנעפעש; די מאמע וואָלט זיך א מײַסע געטאָנ! דער סאָד איז מיר געלעגנ ווי א שטיינ אפנ הארצ.

איך גיי צו צומ טאטנס בעט, דערלאנגענ אימ עפעס, אָדער די מאמע קומט ארײַנ פונ גאס, אונ איך דערמאָנ מיך אָנ מײַנ זינד, הייבנ אונטער מיר אָנ הענט אונ פיס ציטערנ, אונ דאָס פאָנעמ פארלירט דעמ לעצטנ טראָפנ בלוט. אונ דאָך האָב איך אימ יעדנ טאָג צוגעזאָגט, אז איך וועל מאָרגנ אויך ארויסקומענ; אונ איך האָב נישט געהאט פאר וואָס פאר אימ צו אנטלויפנ. ער האָט מיר שוינ אפילע בא דער האנט נישט אָנגענומענ, מער נישט געזאָגט, אז איך בינ א שיינע מויד. ער האָט מיט מיר נאָר גערעדט, געלערנט מיך לידעלעך... איינמאָל נאָר האָט ער מיר א שטיקל באָקסער געברענגט.

— עס, לייע!

איך וויל נישט נעמענ.

פארוואָס? — פרעגט ער טרויעריק. — פארוואָס ווילסטו בא מיר נישט געמען?

איך האָב מיך ארויסגעכאפט, אז איך וואָלט בעסער געגעסן א שטיקל ברויט.

---

ווי לאנג אונדזער זיצן צוזאמען און זינגען האָט געדויערט, ווייס איך נישט. נאָר איינמאָל איז ער געקומען טרויעריקער ווי שטענדיק. איך האָב עס באלד אין זיין פּנים דערקענט, און האָב אים געפרעגט, וואָס איז אים.

— איך מוז אוועקפאָרן.

— וווהין? — פרעג איך אָן א קאָל.

— צו דער סוב-רעוויזיע.

איך האָב אים אָנגעכאפט בא דער האנט.

— צו די זעלנער ווערסטו גיין?

— ניין, — האָט ער מיר געענטפערט און דריקט מיר די האנט, — איך בין א שוואכער. איך ליד אפּנ הארצ. קיין זעלנער וועל איך נישט זיין, נאָר שטעלן מוז איך מיך...

— ווערסט צוריק קומען?

— אוואדע...

מיר שווייגן א ווײַלע.

— עס וועט נאָר דויערן — מאכט ער — א פּאָר וואָכן...

איך שווייג, און ער קוקט אפ מיר מיט א געבעט.

— ווערסט בענקען נאָך מיר?

— יאָ... — האָב איך אליינ קוים געהערט מײַן טשוווע.

מיר שווייגן ווייטער א ווײַלע.

— לאָמיר זיך געזעגענען.

מײַן האנט איז נאָך געלעגן אין זײַנע.

— פּאָר געזונט! — האָב איך אים געזאָגט מיט א פארציטערט קאָל.

ער האָט זיך איבערגעבויגן, מיר א קוש געטאָן און איז פארשווונדן געוואָרן.

איכ בינ לאנג געשטאנענ ווי שיקער.

— לייע! — האָב איכ דערהערט דער מאמעס קאָל, נאָר דאָס אַלטע ווייכע, קימאט זינגענדיקע קאָל, נאָכ פונ דער צײַט, ווענ דער טאטע איז געזונט געוועזנ.

— לייעשי!

אזוי האָט מענ מיכ שוינ לאנג נישט גערופנ. איכ האָב נאָכאמאָל א ציטער געטאָנ אונ בינ מיט די נאָכ ברענענדיקע ליפנ ארײַנגעלאָפנ אינ שטוב. נאָר איכ האָב די שטוב נישט דערקענט. אפנ טיש זײַנענ געשטאנענ צוויי פרעמדע לײַכטער מיט ברענענדיקע ליכט, עס איז געשטאנענ בראָנפנ מיט לעקעכ — דער טאטע איז געזעסנ אפ א שטול, אָנגעלענט אפ א קישנ, אפנ פּנעם האָט עפּעס ווי געשמייכלט פונ יעדנ רונצל ארויס. — עס זײַנענ געשטאנענ נאָכ בענקלעכ באם טיש, אויכ פרעמדע... עס זײַנענ דאָ פרעמדע מענטשנ געוועזנ — נאָר די מאמע כאפּט מיכ ארום אונ קושט אונ האלדזט מיכ:

— מאזלטאָוו, טאָכטער, טאָכטערשי, לייעשי, מאזלטאָוו!

איכ פארשטיי נישט, וואָס מע מיינט, נאָר דאָס הארצ שרעקט זיכ אונ קלאפּט, אונ קלאפּט אזוי מוירעדיק! אז די מאמע האָט מיכ ארויס-געלאָזט פונ די אָרעמ, האָט מיכ דער טאטע צוגערופנ. איכ האָב קיינ קויעכ נישט געהאט צו שטיינ אונ האָב מיכ אראָפּגעלאָזט פאר אימ אפ די קניִענ אונ אָנגעשפּארט דעמ קאָפּ אפ זײַנ שויס. ער גלעט מיר דעמ קאָפּ, קרײַזלט מיר די האָר:

— וועסט שוינ, קינד מײַנס, נישט לײַדנ קיינ הונגער, קיינ נויט; וועסט שוינ, קינד מײַנס, נישט ארומגיינ נאקעט אונ באָרוועס... וועסט זײַנ א נעגידעס... דו וועסט זײַנ רײַכ... דו וועסט פאר דײַנע ברידער-לעכ מעלאמעד-געלט צאָלנ... מע וועט זיי שוינ פונ די כאדאָרימ נישט ארויסווארפנ... דו וועסט אונדז אויכ העלפנ... איכ וועל געזונט ווערנ...

— אונ ווייסט, ווער דער כאָסנ איז? — פרעגט די מאמע מיט א פרייד. — טאקע רעב זײַנוול! טאקע רעב זײַנוול. ער האָט אליינ א שאדכנ געשיקט...

איך ווייס נישט, וואָס מיט מיר איז געשען, נאָר אויפגעכאַפּט האָב איך מיך אַפּנ געלעגער אינמיטנ טאָג.

— געלויבט איז גאָט! — האָט די מאַמע אויסגעשריגנ.

— געלויבט איז זײַנ ליבער נאָמענ! — האָט דער טאַטע געזאָגט.

אונ מע האָט מיך, ווײַטער געהאַלדזט אונ געקושט. נאָך מער — מע האָט מיר אײַנגעמאַכטס דערלאַנגט!.. עפּשער וויל איך וואַסער מיט זאַפּט? עפּשער א ביסל ווײַנ?

איך האָב צוריק די אויגנ פאַרמאַכט אונ געקײַכט מיט א שטיקנ-דיק געוויינ.

— וויל, וויל, — פרייט זיך די מאַמע, — זאָל זי זיך אָפּוויינענ, מײַנ אָרעם קינד! מיר זײַנענ זיך אַליינ שולדיק, אַפּאַמאָל אַזאַ נאַכעס דערציילט! אַזוי פּלוצלינג! עס קענ אַנ אָדער פּלאַצנ, כאַסוועשאָלעם! נאָר צינד געלויבט איז גאָט! ווייַנ דיר אָפּ דאָס האַרצ, זאָלנ אַלע צאָרעס אַוועק-שווימענ מיט די טרערנ אונ א נײַ לעבנ זאָל זיך אָנהייבנ, א נײַ לעבנ...

דער מענטש האָט צוויי מאַלאָכים — א גוטנ אונ א שלעכטנ מאַלעכ, אונ איך בינ זיכער געווענ, אַז דער גוטער מאַלעכ הייסט מיר אינעם דויפּע-יונג פאַרגעסנ, עסנ רעב זײַנוולס אײַנגעמאַכטס, טרינקענ זײַנ זאַפּט מיט וואַסער אונ קליידנ זיך אָפּ זײַנ כעזשבנ, בעשאַס ווענ דער שלעכטער מאַלעכ האָט מיר אײַנגערעדט, איך זאָל איינמאָל פאַר אַלע-מאָל זאָגנ דעם טאַטנ אונ דער מאַמענ, אַז איך וויל נישט, בעיינ אויפנ נישט.

רעב זײַנוולענ האָב איך נאָך נישט געקע׳ט, איך האָב׳נ עפּשער אַמאָל געזענ, נאָר — אָדער פאַרגעסנ, אָדער באַלד נישט געוווסט, ווע-מענ איך זע... נאָר אונטער די אויגנ האָב איך אים פײַנט געהאַט.

באַלד די צווייטע נאַכט האָט זיך מיר געכאָלעמט, אַז איך שטיי אונטער דער כופּע.

דער כאָסנ איז רעב זײַנוולע אונ מע פירט מיך 7 מאָל אַרום אים, נאָר די פיס זײַנענ מיר פאַרשטאַרט אונ די אונטערפירערקעס טראָגנ מיך אינ דער הייכ. —

דערנאָכ האָט מענ מיך אַהיימ געפירט.

די מאמע האָט אנטקעגנ געטאנצט מיט א קוילעטש, און עס גייט שוינ די גאָלדענע יויכ.

איכ האָב מוירע די אויגנ אופצוהייבנ, איכ בינ זיכער, אז איכ וועל דערזענ א בליִדנ, אָנ אַנ אויג, און א לאנגע, א שרעקלעכ לאנגע נאָז... עס קומט מיר א קאַלטער שווייס אפנ לייב — נאָר פלוצלינג רוימט ער מיר איינ אינ אויער:

— לייעשי, א שיינע מויד ביסטו!

און דאָס קאָל איז גאָר נישט פונ קיינ אלטנ מאנ — עס איז יענעמס קאָל... איכ עפנ א ביסל די אויגנ — עס איז יענעמס פּאָנעם...

— טס! — רוימט ער מיר איינ. — זאָג נישט אויס. איכ האָב רעב זיינוולענ פארנארט אינ וואלד אריינ, אריינגעלייגט אינ א זאק, צוגע־בונדנ א שטיינ און אריינגעוואָרפנ אינ טייכ (אזא מייסע האָט מיר אמאָל די מאמע דערציילט) און בינ איכ דאָ אפ זיינ אָרט!

איכ האָב מיכ אופגעכאפּט פארציטערט.

דורכ א שפּארע פונ לאָדנ האָט אריינגעשלאָגנ א בלאסע שיינ פונ דער לעוואָנע און האָט באלייכט די גאנצע שטוב. איכ באמערק ערשט, אז אינמיטנ באלקנ הענגט צוריק דער הענגלייכטער. טאטע־מאמע שלאָפנ אפ בעטגעוואנט, — דער טאטע שמייכלט פונ שלאָפ, די מאמע אָטעמט רויִק... און דער גוטער מאלעכ זאָגט מיר: אז דו וועסט זיינ גוט און פרום, וועט דער טאטע געזונט ווערנ, די מאמע וועט אפ דער עלטער נישט ארבעטנ אזוי שווער און ביטער, און פונ דיינע ברידערלעכ וועלנ ארויסקומענ לאָמדימ, ראבאָנימ, געוינימ; גרויסע יידנ, מע וועט פאר זיי צאָלנ מעלאמעד־געלט.

— נאָר קושנ — זאָגט דער שלעכטער מאלעכ — וועט דיכ רעב זיינ־וועלע... ער וועט זיכ צו דיר צורירנ מיט די פייכטע וואָנטנ... ער וועט דיכ ארומנעמענ מיט די ביינערדיקע הענט... איכ וועט ער דיכ פיניקנ, ווי יענע ווייבער, און וועט דיכ יונגערהייט יאָגנ אינ קייווער אריינ; און ער וועט קומענ צו פאָרנ און וועט אגמעסנעפּעש האָבנ, דיכ קיינ לידלעב שוינ נישט לערנענ, וועסט שוינ מיט אימ אָוונט אפ אָוונט נישט זיצנ... דו וועסט זיצנ מיט רעב זיינוולענ...

— ניינ! הימל און ערד זאָל צוזאמענקומענ! צערײַסנ די טנאָים! איפ בינ שוינ גישט געשלאָפנ ביז אינדערפרי...

די ערשטע האָט זיכ אופגעכאפּט די מאמע; איכ וויל מיט איר ריידנ, נאָר איכ בינ געווינט אינ אלע געפארנ זיכ ווענדנ צום טאטנס הילפ.

אָט וועקט זיכ שוינ דער טאטע.

— וויסט, סאָרעלע, — זײַנע זײַנע ערשטע ווערטער, — איכ פיל מיכ גאָר, גאָר גוט; ווערסט זענ, איכ וועל הײַנט נאָכ גיינ אינ גאס ארײַנ.

— געלויבט איז זײַנ ליבער נאָמענ; אלצ אינ אונדזער טאָכטערס מאזל, אלצ אונדזער טאָכטערס, דער צאדייקעס זכוס.

— אונ דער רויפע איז טאקע גערעכט; די מילכ שמעקט מיר זייער וויל... זיי שווײַגנ, אונ דער גוטער מאלעכ זאָגט מיר נאָכאמאָל:

— אז דו ווערסט גוט אונ פרום זײַנ, וועט דער טאטע ווערנ געזונט; וועט אָבער פונ דײַנע ליפנ ארויס א זינדיק וואָרט, — פאלט ער אוועק אונ שטארבט.

— הערסטו, סאָרעלע, — מאכט ווײַטער דער טאטע, — הער שוינ אופ צו זײַנ א פשעקופקע...

— וואָס רעדסטו?

— וואָס דו הערסט! איכ וויל הײַנט נאָכ זײַנ בא רעב זײַנוולענ... ער וועט מיכ צונעמענ צו א געשעפט, אָדער באָרגנ עטלעכע רובל, וועלנ מיר זיכ מאכנ א געוועלבל, איכ וועל שטיינ א ביסל, דו א ביסל — דערנאָכ וועל איכ אָנהייבנ האנדלענ מיט טווע...

— האלעווײַ זאָל גאָט געבנ!

— אוואדע וועט גאָט געבנ! אז דו ווערסט הײַנט נעמענ אפ כאסענע-קליידער, זאָלסטו דיר אויכ נעמענ... כאָטש אפ צוויי קליידער. אונ פארוואָס נישט? ער האָט געהייסנ נעמענ, וואָס מע דארפ; דו ווערסט דאָכ נישט זײַנ אפנ אופרופנ אינ דײַנע בגאָדים.

— גיי שוינ גיי! — ענטפערט די מאמע. — דעריקער מוז מענ די קינדער עפּעס מאכנ — רוונ גייט באָרוועס, ער האָט זיכ יענע וואָכ א האָלצ ארײַנגענומענ, לאָמט ער נאָכ... אויכ גייט צו ווינטער, מע דארפ לײַבלעכ אונ העמדלעכ, וואטאָווע קאפאָטקעלעכ.

— נעמ, נעמ...

— הערסט, — מאכט דער גוטער מאלעכ, — אז דו וועסט ריידנ א שלעכט וואָרט, וועט די מאמע דײַנע קיינ קלייד נישט האָבנ, אונ דו ווייסט, אז דאָס אלטע פאלט איר אראָפּ פונ לײַב; דײַנע ברידערלעכ וועלנ ווינטערצײַט אינ די גרעסטע פרעסט לויפנ אינ כיידער אורײַנ באָרוועס, אונ זומער וועלנ זיי זיכ ארײַנעמענ העלצער אינ די פיס...

— איכ זאָג דיר דעמ עמעס, — מאכט די מאמע, — מע וואָלט געדארפט אלצ אויסריידנ „בעראָכל ביטכאָ האקטאנע", וואָרנ זי"ער א גוטער מענטש איז ער נישט... מע דארפ אָפּריידנ, וויפל ער וועט איר פארשרײַבנ — וואָרנ יאָרשימ וועט זײַנ ווי האָלצ... ווענ אפילע נישט קיינ אקט, — זאָל ער כאָטש געבנ א כיירעמ-קוויטל, וואָרנ טאקע, ווי לאנג קענ אזוינער לעבנ? נאָכ א יאָר, נאָכ א יאָר...

— בא ווילטיק — זיפצט דער טאטע — לעבט מענ לאנג.

— לאנג! פארגעס נישט — 70 יאָר... טייַלמאָל ווערט אימ עפּעס ווי טויט אונטער די אויערנ...

אונ דער שלעכטער מאלעכ זאָגט: אז דו וועסט שווײַגנ, וועסטו גיינ אונטער דער כופּע מיט א טויטנ, מיט א מעס וועסטו לעבנ, מע וועט דיכ לייגנ-פירנ מיט א באָרמינעג...

די מאמע זיפצט.

— אלצ איז בא גאָט אינ די הענט, — מאכט דער טאטע.

די מאמע זיפצט ווײַטער, אונ דער טאטע זאָגט:

— אונ וואָס קאָנ מענ טאָנ... מע האָט געקאָנט בעטער מאכנ? אוואדע, ווענ איכ בינ געזונט, ווענ איכ פארדינ, ווענ עס איז כאָטש דאָ טרוקנ ברויט אינ שטוב...

ער האָט אָפּגעהאקט; מיר האָט זיכ געדאכט, אז עפּעס וויינט דעמ טאטנ אינ הארצ.

— וואָלט זי כאָטש ייִנגער געווענ מיט א פּאָר יאָר, וואָלט איכ דאָס לעצטע געטאָנ... ווייס איכ? עפּשער אפ דעו לאָטעריי געשטעלט...

אונ איכ האָב געשוויגנ.

מײַנע 70-יאָריקער כאַסנע האָט געגעבן אַפּ כאַסענע-קלײדער, עטלעכע הונדערט גילדן דעם טאַטן, און מיר אַ טױספּעס-קסובע אַפּ 150 גילדן...
מענטשן האָבן געזאָגט: אַ װױלער שידעך!
איך האָב כאַװערטעס באַקומען; די מיט דער סאַמעטענע יופּע און גאָלדענעם קײט-און-זײגער פּלעגט בא מיר זײַן צװײ-דרײַ מאָל אין טאָג. זי איז געװעזן גליקלעך װי די װעלט, װאָס איך האָב זי דער-יאָגט, װאָס מיר האָבן כאַסענע אין אײן כױדעש! איך האָב געהאַט נאָך כאַװערטעס, נאָר זי האָט זיך צוגעקלעפּט צו מיר. „יענע זײַנען דאָך „סמאַרקאַטע מײדלעך״; װער װײסט, װי לאַנג עס װעט נאָך בא זײ דױערן!״
ריװקע האָט כאַסענע פֿון דער פֿרעמד, נאָר עסן קעסט װעט זי פֿריִער אין דער הײם 2 צי 3 יאָר. איבער דער גאַנצער צײַט װעלן מיר זיך האַלטן צוזאַמען; זי װעט אַרײַנלױפֿן צו מיר אַפּ ציקאָריע, איך צו איר אַפּ ציקאָריע, אָדער שאַבעס נאָכן שלאָפּ אַפּ בײלעך-יױך.
— און אַז איך װעל װערן אַ קימפּעטאָרן, — מאַכט אײנמאָל ריװקע, און דאָס פּאָנעם שטראַלט איר, — װעסטו זיצן בא מיר — יאָ?
איך שװײַג.
— װײ! — מאַכט ריװקע. — װאָס טרױערסטו אַזױ? עס טרעפֿט זיך צו 70 יאָר אױך...
— גײ שױן גײ! — טרײסט זי מיך װײַטער. — אַז גאָט װיל, שיסט אַ בעזעם! און װען נישט — װי לאַנג, מײנסטו, װעט עס דױערן? אַ מענטש לעבט דאָך נישט אײביק! אַזאַ יאָר אַפּ מיר, װאָס פּאַר אַ יונגע אַלמאָנע דו װעסט זײַן! די פֿינגער צו לעקן!
ריװקע װינטשט רעב זײַנװולען נישט קײן שלעכטס:
— ער איז אַפֿילע אַ קעלעװ שעביקלאָװים: יענץ װײַב האָט ער געפּײַניקט... נאָר יענץ װײַב איז אַ קראַנקע געװעזן, און „דו ביסט געזונט װי אַ נוס... דיך װעט ער גוט באַהאַנדלען, נאָך װי הײסט גוט!״

ער איז צוריק געקומענ!

דעמ טאטנ איז טאקע בעסער, — נאָר עס האָט זיכ אימ פאַרגלוסט א ביסל טרוקענע באַנקעס — אזוי האָט ער מוירע געהאַט ארויסצוגייִנ. ער פּילט, אז פונ ליגנ, אונ דערנאָכ זיצנ אלצ אייִנײנעמ, האָט זיכ אימ דאָס בלוט פאַרזאמלט אפ איינ אָרט, מע דארפ עס צעשלאָגנ! — א ביסל אויכ ברעכנ אימ די פּלייצעס, אונ אפ דעמ איז טרוקענע באַנקעס א רעפּוּע בדוקע.

איכ האָב אָנגעהויבנ ציטערנ ווי איינ א פיבער: מיט טרוקענע באַנ-קעס קומט דער „יונג", נישט דער רופע אלייִנ.

— ווּעסט ארײַנרופנ דעמ רופע? — פרעגט מיכ דער טאטע.

— וואָס רעדסטו? — פּאַלט אימ די מאמע איינ די רייד. — א קאַלע-מיידל!..

זי איז אלייִנ געגאַנגענ.

— וואָס ביסטו אזוי בלאָס געוואָרנ? — פרעגט מיכ דער טאטע דער-שראָקנ.

— גאָרנישט.

— שוינ עטלעכע טעג... — פאָרשט דער טאטע.

— עס דאַכט זיכ דיר, טאטע,

— די מאמע זאָגט אויכ...

— ע!

— הײַנט — וויל מיכ דער טאטע דערפרייענ — וועט מענ דיר שוינ מעסטנ די כאַסענע-קליידער.

איכ שווייִג.

— דו פרייסט זיכ גאָרנישט? — פרעגט דער טאטע.

— פאַרוואָס זאָל איכ מיכ נישט פרייענ?

— דו ווייסט דאָכ אפילע גאָר נישט, וואָס מע מאַכט דיר.

— מע האָט דאָכ מיר א מאָס גענומענ!

דערווייל איז אָנגעקומענ די מאמע מיטנ רופע אלייִנ.

עס איז מיר גרינגער געוואָרנ אפנ הארצ; נאָר איינ אייִנוועגס האָט איינ מיר עפּעס געקלאָגט: דו ווּעסט אימ עפּשער שוינ מער נישט זענ...

— אוי א וועלט, — קומט אריַין דער רופֿע, סאָפּענדיק און קרעכצנ-דיק, — רעב זיַינוועלע האָט פּאסענע מיט א יונגע מויד, און לייזערל דעם גאבעס ווערט א פּאָרעש — אנטלאָפֿן פֿון וויַיב!

— לייזערל? — שריַיט אויס די מאמע פּארוואונדערט.

— ווי איר הערט! הײַנט גיי איך ארום צו 60 יאָר מיט איינדער-פֿרי ביז נאכט אָפּ די פֿיס, און מיַין יונג לייגט זיך אין בעט אריַין... איך הייב אָן וויַיטער צו ציטערן.

— האלט נישט אזא גוי! — באמערקט די מאמע.

— א גוי? — מאכט דער רופֿע. — ווי הייסט א גוי?

— וואָס טויג מיר די מיַיסעס, — האקט איבער אומגעדולדיק דער טאטע, — טוט בעסער אַיערס.

מײַן טאטע איז בעטעווע געוועזן א גוטער; עס האָט זיך מיר שטענדיק געדאכט, אז ער קען קיין פּליג אָפּ דער וואנט נישט רירן, און דאָך האָט איין זיַינע רייד געשטעקט אזויפֿיל ביזאָיען פּארן רופֿע.

אלס קראנקער אין בעט פֿלעגט ער גליקלעך זיַין, אז עמעצ איז אריַינגעגאנגען און באלאקעט מיט אים, נאָר מיטן רופֿע האָט ער קיין-מאָל ניט געקאָנט ריידן א וואָרט. ער האָט אים שטענדיק איבערגעהאקט אינמיטן און געהייסן, ער זאָל זיַינס טאָן. נאָר ציינד האָב איך עס דאָס ערשטע מאָל אזוי שטארק דערפֿילט; עס האָט מיר אָנגעהויבן דאָס הארצ ווי צו טאָן... וואָרעם, וויאזוי וואָלט ער נאָך י ע נ ע ם באליי-דיקט, יענעם, וואָס ליגט נעבעך קראנק!..

פֿארוואָס איז ער קראנק?

געזאָגט האָט ער, אז ער האָט א הארצ-פֿעלער.

וואָס דאָס איז, האָב איך ריכטיק ניט געוווּסט; מינהאסטאָם איז עס אזוינס, וואָס לייגט אמאָל איין בעט אריַין, און דאָך — האָט מיר דאָס הארצ געזאָגט, — אז איך מוז אויך האָבן א שטיקל שולד דערביַי.

באנאכט האָב איך איין שלאָף געוויינט; די מאמע האָט מיך אופגע-וועקט און געזעצט זיך בא מיר אפֿן בעט.

— שא, קינד מיַינס! — האָט זי מיר געזאָגט. — לאָמיר דעם טאטן נישט וועקן.

און אונדזער שמועס איז געווען פון מויל אפֿ אויער.

די מאמע, האָב איך באמערקט, איז שטארק צערודערט: זי קוקט אפֿ מיר פֿאַרשנדיק, זי וויל עפּעס בא מיר דערגיין, און איך האָב זיך באשלאָסן איר גאָרנישט צו זאָגן. אלקאָלפֿאָנעם נישט ווען דער טאטע שלאָפֿט.

— קינד מײַנס, וואָס האָסטו געוויינט?

— איך ווייס נישט, מאמע.

— פֿילסט דיך געזונט?

— יאָ, מאמעשי! נאָר טיילמאָל טוט מיר דער קאָפּ ווי.

זי איז געזעסן האלב אָנגעשפּארט אפֿן בעט, און איך האָב צוגע־רוקט דעם קאָפּ און אָנגעלענט אפֿ איר הארץ.

— מאמע, — פֿרעג איך, — וואָס קלאפּט בא דיר דאָס הארץ?

— פֿאר מוירע, טאָכטערשי.

— דו האָסט אויך מוירע באנאכט?

— באנאכט און באטאָג, איך האָב שטענדיק מוירע.

— וואָס האָסטו מוירע?

— איך האָב מוירע פֿאר דיר...

— פֿאר מיר?

די מאמע ענטפֿערט נישט, נאָר איך פֿיל, אז עס פֿאלט מיר אירס א טרער אפֿן פּאָנעם, אווארעמע טרער.

— דו ווײנסט, מאמעשי?

די טרערן פֿאלן אָפֿטער און אָפֿטער.

„איך וועל נישט זאָגן", באפֿעסטיק איך מיך אין דער דייע.

אין א ווײַלע ארום פֿרעגט מיך פּלוצלינג די מאמע:

— צי האָט דיר נישט ריווקע עפּעס אָנדערציילט?

— וועגן וואָס, מאמע?

— וועגן דײַן כאָסן?.. —

— פֿונוואנען קען זי מײַן כאָסן?..

— זי זאָל אים קענען, וואָלט זי נישט גערעדט; נאָר אזוי, ווי איך שטאָט... ווייסט נישט, פֿאר קינע... א ייִד א גוויר, האָט קויעך צו נע־

מען אפֿ דער עלטער אַ בסולע, ד ע ד ט מען אוואדע... ווייס איך? צי האָט מען דיר נישט געזאָגט, אַז דאָס לעצטע ווײַב זײַנס איז געשטאָרבן, ווײַל ער האָט זי געפּײַניקט?

איך זאָג איר גאַנץ קאַלטבלוטיק, אַז איך האָב עפּעס געהערט דערפֿון, נאָר פֿון וועמען ווייס איך נישט.

— אוואדע פֿון ריווקען, דאָס מויל זאָל איר הינטן שטיין, — בײַזערט זיך די מאַמע.

— פֿון וואָס דען — פֿרעג איך — איז זי אַזוי פּלוצלינג געשטאָרבן?

— פֿון וואָס? אַ האַרץ-פֿעלער האָט זי געהאַט...

— נו וואָס? אַז מע האָט אַ האַרץ-פֿעלער, שטאַרבט מען?

— אוואדע...

מיר האָט עפּעס ווי געקנאַקט אין מויעך...

איך בין געוואָרן אַ „זײַדן קינד" — מע האָט מיך אין אַלע הײַזער געליבט; די טאַטע-מאַמע האָבן עס גאָר נישט געקענט פֿאַרשטיין; דער שנײַדער אוואדע נישט. איך האָב מיר גאָרנישט אויסגעבאָטן: וואָס די מאַמע האָט געוואָלט, האָט זי געמאַכט, וואָס פֿאַר אַ מאַטעריע, וואָס פֿאַר אַ שניט, וואָס פֿאַרא קליידער... אַלץ, וואָס זי האָט נאָר אַליין געוואָלט.

ריווקע פֿלעגט אַרײַנקומען און קנײַפּן זיך אין די באַקן: „ווער פֿאַרלאָזט זיך אין בּאָדע-זאַכן אַפֿ אַ מאַמען — אַ ייִדענע פֿון דער אַלטער וועלט?! וועסט שאַבעס נישט קענען זיך ווײַזן, נישט אין שול, נישט אין גאַס, אין ערגעץ נישט!"

— דו קוילעסט זיך! — האָט זי געענדיקט.

מיר איז אײַנגעפֿאַלן, אַז איך בין שוין לאַנג געקוילעט; און איך האָב רויִק געוואַרט אַפֿ שאַבעס-נאָכמו, ווען מע האָט געזאָלט פֿאַרבעטן דעם כאָסן אַפֿ קידעש...

דערנאָך וועט זײַן אַן אופֿרופֿן, דערנאָך אַ כאַסענע.

דעם טאַטן איז ווידקלעך בעסער. ער גייט טײַלמאָל אַרויס אין גאַס אַרײַן, ער הייבט אָן געוואָר צו ווערן וועגן טווע. ריידן, ווי ער האָט געקלערט, דעם כאָסן וועגן אַ האַלוואָע האַלט ער נאָך פֿאַר צו

פרי. ער רעכנט שאבעס-נאכמו צו פארבעטנ אימ נאָכ אפ שאלעסודיעס אונ נאָכנ שאלעסודעס ארײַנצווואַרפנ עטלעכע ווערטער.

אז עס איז שוינ אזוי גוט, איז צײַט אָפּצושיקנ דעמ רויפע; מע האָט אפילע הײַנט קרעדיט, ער מאָנט נישט, שיקט שוינ נישט דעמ יונג, קומט אליינ, נאָר עס איז צײַט, זאָל זײַנ אנ עק. וויפל מע האָט אָפּגעשיקט, ווייס איכ נישט, נאָר דער שאַליעכ איז געווענ אוורעמל, וואָס האָט געזאָלט, דורכגייענדיק אינ כיידער ארײַנ, דערלאנגענ די עטלעכע גילדנ.

שפּעטער דאָכ איז פלוצלינג ארײַנגעקומענ דער יונג...

— וואָס? ווייניק געשיקט? — באגעגנט אימ דער טאטע.

— ניינ, רעב יעהודע, איכ בינ געקומענ זיכ געזעגענענ.

— מיט מיר? — פרעגט דער טאטע פארוואונדערט.

אזוי ווי ער איז ארײַנגעקומענ, בינ איכ אנידערגעפאלנ אפנ ערשטנ בענקל, וואָס איז געשטאנענ נעבנ מיר; נאָר בא די ווערטער האָב איכ מיכ פלוצלינג אופגעשטעלט, אונ אינ קאָפּ האָט אופגעבליצט א געדאנק, אז איכ דארפ אימ שיצנ, נישט לאָזנ באליידיקנ... עס איז דאָכ נישט געקומענ דערצו.

— איכ פלעג דאָ ארײַנקומענ, — האָט ער געמאכט מיט זײַנ ווייכ, זיס אונ טרויעריק קאָל, וואָס האָט זיכ געגאָסנ אינ הארצ ארײַנ ווי א בוימל, — צינד פאָר איכ אָוועק. אפ שטענדיק... האָב איכ געמיינט...

— נו, נו, אדעראבע, — מאכט שוינ געלאסענער דער טאטע, — זעצ דיכ, יונגערמאנ, עס איז אפילע שיינ פונ דײַנ זײַט, אז דו געדענקסט א באלעבאָס... אדעראבע...

— טאָכטערשי, — מאכט ער צו מיר, — מע דארפ אימ עפּעס געבנ!

ער האָט זיכ אופגעשטעלט בלאס, מיט ציטעריקע ליפּנ אונ פײַערדיקע אויגנ, נאָר אינ דער רעגע האָט זיכ אימ דאָס פּאָנעמ צוריק מאָרעשכוירעדיק געענדערט.

— ניינ, רעב יעהודע, איכ דארפ נישט, איכ דאנק אײַכ — זײַט געזונט!

ער האָט די האנט נישט אויסגעצויגנ צו קיינעמ, אונ אפ מיר קוים א בליק געוואָרפנ.

אין דעם בליק האָט דאָך געשטעקט א פאָרווורף. עס האָט זיך מיר געדאכט, אז ער באשולדיקט מיך, אז ער וועט מיר נישט מויכל זיין — וואָס, האָב איך דעכט אליין נישט געוווסט.

און איך בין ווייטער אין כאלאָשעס געבליבן.

— שוין דאָס דריטע מאָל!..—הער איך זאָגט די מאמע צום טאטן.

„עס מאכט נישט אויס, אין די יאָרן טרעפט זיך עס... נאָר, כאס-וועשאָלעם, ווערט רעב זיינוועלע געוואָר, שיקט ער אָפּ די טנאָים!.. ער האָט שוין געגוג געהאט יענע כוילאָניס...״

קיין כוילאָניס בין איך דאָך נישט געוועזן...

אין כאלאָשעס בין איך אינגאנצן נאָך איינאיינציק מאָל געפאלן: בא דער גאָלדענער יויך, אז איך האָב „רעב זיינוועלען״ דאָס ערשטע מאָל רעכט דערזען...

נישט מער.

אפילע נעכטן, ווען דער רופע, וואָס שנייַדט מיין „רעב זיינוועלען״ אויס אלע כוידעש די נעגל, וואָס וואקסן אים אין די פינגער אריין, האָט מיך, ארויסגייענדיק, געפרעגט, צי איך געדענק זיין יונג, און דערציילט, אז ער איז געשטאָרבן אין ווארשעווער שפיטאָל, — בין איך נישט געפאלן אין כאלאָשעס, איך האָב קוים א טרער געלאָזט. איך האָב אליין נישט געוווסט פון איר, נאָר דעם רופע איז זי, די טרער, געפעלן.

— איר זייט א גוטע, — האָט ער געזאָגט, און דעמלט האָב איך זי ערשט דערפילט אף דער באק.

מער נישט!

איך בין א געזונטע; איך לעב שוין פינף יאָר מיט רעב זיינוועלען...

וויאזוי, וועל איך עפשער אן אנדערשמאָל דערציילן...

# אינ פאָסט־וואָגנ

## א

ער האָט מיר אלצ דערציילט אפאמאָל, אינ איינ אָטעמ. אינ איינ מינוט קימאט בינ איכ געוואָר געוואָרנ, אז ער איז כאַימ, יוינע הרו־בעשאָווערס איידעמ, בערל קאָנסקיוואָלערט זונ, אונ אז דער לובלינער גוויר מערגשטיינ געהער אימ צו א פעטער פונ דער מוטער אָלעהא־שאָלעמס צאד. נאָר דער פעטער זײַנער פירט שוינ קימאט א גוייִש הויז; טארפעס, ווייסט ער נישט, אויב מע עסט, נאָר אומגעוואשנ — האָט ער אליינ געזעג...

עס איז עפעס, זאָגט ער, אנדערע מאָדנע ברויִמ: לאנגע האנטע־כער ליגנ אפ די טרעפ; איידער מע גייט ארײַנ, מוז מענ געבנ א קלונג; אינ שטוב זײַנענ אויסגעשפרייט געמאָלטע טישטעכער... מענטשנ זיצנ ווי אינ א טפיסע, גייענ שטילערהייט, ווי גאנאָווימ... ביכלאל, זאָגט ער, איז בא זיי שטיל ווי, ראכמאָנע־ליצלאנ, צווישנ טויבשטומע...

זײַנ ווײַב האָט אזא מינ מישפאָכע אינ וואַרשע. נאָר צו זיי קומט ער נישט; גלאָט זיי זײַנענ קאפצאָנימ אויכ — „וואָס טויגנ זיי מיר הא ?..״

באמ לובלינער פעטער איז נישט ווי גאָט האָט געבאָטנ, איז ער וויינ־קסטנס אנ אוישער. נו, אז מע רײַבט זיכ נעבנ א פעטנ, ווערט מענ אויכ פעט; ווו מע האקט האָלצ, פאלנ שפענער; ווו עס איז א סודע, קענ מענ אָפלעקנ א ביינ... אָבער דאָרט — קאפצאָנימ!

ער ריכט זיכ אפילע מיט דער צײַט צו קריגנ א שטעלע באמ

לובלינער פּעטער. די געשעפטנ, זאָגט ער, זײַנענ שלעכט. הײַנט האנדלט ער מיט אײער, ער קויפט זײ אינ די דערפער אונ שטעלט זײ אָפּ קײנ לובלינ. פונ דאָרט גײענ זײ קײנ לאָנדאָנ... מע זאָגט, אז דאָרט לײגט מענ זײ אינ קאלכ-אויוונ ארײַנ אונ עס קומט פונ זײ ארויס הינער... „עס מוז זײַנ ליגנ... די ענגלענדער מוזנ גאנצ אײנפאכ ליב האָבנ אײער!" נאָר סײַוויסײַ — דאָס געשעפט איז דערווײַל דערשלאָגנ...

אלצ בעסער דאָכ ווי טוווע! טוווע איז גאָר געהארגעט. באלד נאָכ דער כאסענע איז ער געוואָרנ א טוווע-סויכער. ער איז געווענ א לערנ-קינד, האָט מענ אים צוגענומענ א שוטעפ אנ אלטנ סויכער... דער סויכער האָט אים אויסגעמאכט דאָס אויער, פשאט פּאָשעט געפּריצע-וועט...

ב

אינעם פּאָסט-וואָגנ איז פינצטער, איכ האָב כאימס פּאָנעם נישט געזענ, אונ אדהײַעמ ווײס איכ נישט, וויאזוי ער האָט אינ מיר א ייִד דערקענט... אז ער איז אײַנגעשטיגנ, בינ איכ געזעסנ אינ ווינקל אונ געדרעמלט, זײַנ קאָל האָט מיכ ערשט אופגעוועקט... פונ שלאָפּ רעד איכ נישט... עפשער האָב איכ א ייִדישנ קרעכצ געגעבנ? עפּ-שער האָט ער דערפילט, אז מײַנ קרעכצ אונ זײַנ קרעכצ זײַנענ אײנ קרעכצ?

ער האָט מיר אפילע דערצײלט, אז זײַנ ווײַב קומט ארויס פונ ווארשע, אז אדהײַעמ שמעקט איר נישט קאָנסקיוואָלע...

— געבוירנ, פארשטײט איר מיכ, איז זי אינ הרובעשאָוו, נאָר ער-צויגנ געוואָרנ איז זי אינ ווארשע: בא דער טרײפּענער מישפּאָכע דאָרט, א יעסוימע געווענ...

אינ ווארשע האָט זי זיכ אָנגעשמעקט מיט אנדערע זאכנ. זי איז א גרויסע בעריע אינ פוילישנ, דײַטשערישע אדרעסנ לײענט זי ווי א וואסער. זי זאָגט אפילע, אז זי קענ שפּילנ, נישט אפּ א פידל, נאָר עפּעס אפּ אנ אנדערע מאָדע קײלע...

— און איר ווער זײַט? — כאַפּט ער מיך פּלוצלינג אָן בײַ דער האַנט.

פון שלאָפן איז שוין נישט געווען וואָס צו רעדן, און אָנגעהויבן אינטערעסירן האָט ער מיך שוין אויך. עפּעס אַ מײַסע, אַ קליינשטעטל־דיקער יונגערמאַן, אַ ווײַבל, אופגעצויגן אין וואַרשע, דאָס קליינע שטעטל שמעקט איר נישט... פון דעם קען עפּעס זײַן, טראַכט איך, מע דאַרף געוואָר ווערן אַקוראַט, עפּעס צולייגן, וועט זײַן אַ ראָמאַן... וועל איך בעעמעס צוברעקן אַ מין גאַזלען, אַ קאַטאָרזשניק, אַרײַנהאַקן אַ פּאָר באַנקראָטן און צווישן אַ בּיפּערגאָטער, וועל איך אויך זײַן אינטערעסאַנט.

איך בייג מיך צו צו מײַן שאָכן און זאָג אים, ווער איך בין.

— אַזוי, זאָגט ער, איר זײַנט עס טאַקע, איר אַליין... און זאָגט מיר, איך בעט אײַך, ווי נעמט עס אַ מענטש צײַט און קאָפּ זיך אויס־צוקלערן מײַסעס...

— איר זעט דאָך!

— איך ווייס? האָט איר געמוזט אַ גרויסע ירושה קריגן און איר לעבט פון פּראָצענט.

— כאַסוועשאָלעם, מײַנע עלטערן לעבן, ביז הונדערט און צוואַנ־ציק יאָר...

— האָט איר געמוזט אָפּ דער לאָטעריי געווינען!

— אויך נישט...

— וואָס דען?

איך האָב אים בעעמעס נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן...

— האָט איר פון ד ע ם פאַרנאָסע?

איך ענטפער אַן עמעס יידישע טשוווע: בע!

— און דאָס איז אײַער גאַנצע פּאַרנאָסע, גאָר אָן אַ צושפּרונג?

— דערווײַל...

— אָ־וואַ! וואָס האָט איר, איך בעט אײַך, דערפון?

— זייער ווייניק!

— א ו י ך ט ו י ט?

— געהארגעט...

— שלעכטע צײַטן, — זיפצט מײַן שאָכן.

א פּאָר מינוט איז שטיל געווען, מײַן שאָכן קען דאָך לאַנג נישט רוען:

— זאָגט מיר, איך בעט אײַך, נאָך וואָס טויגן די מײַסעס?

— איך מײן נישט אײַך, כאָלילע, — פּארבעסערט ער זיך — כאַס-וועשאָלעם, א ייִד דארף פּארנאָסע, צאפּט ער פון דער וואנט; דאָס איז בא מיר גאָר קיין קאשע נישט... וואָס טוט נישט א ייִד פאַר פּאר-נאָסע? אָט, האָב איך נישט געקריגן קיין געלעגנהײַט, פּאָר איך מיט דער פּאָסט, גאָט ווייסט, אויב איך זיץ נישט אפּ שאטנעז. נאָר דעם אוילעם מײן איך, וואָס טויגן זיי די מײַסעס? וואָס פאר א טאכלעס שטעקט דערינען? וואָס שרײַבט מען אין די ביכלעך?

ער וואַרט נישט אפּ טשוווע און ענטפערט זיך אליין:

— עס מוז גלאַט זײַן אזא מאָדע, א מין קרינאָלינע, א קאשע אפּ ווײַבער!

— און איר, פרעג איך אים, האָט נאָך קיין מאָל נישט געלעזן די ביכלעך?

— אײַך מעג איך דאָך זאָגן, איך האָב יאָ אפּילע א שטיקל יע-דיִע דערפון... אָט אזוי גרויס...

ער האָט מיר אוואדע אָפּגעמאָסטן א שטיקל אָפּן פינגער, א נאָגל מיט א שטיקל פלייש צו, נאָר עס איז פינצטער געווען.

— עס האָט אײַך פּאָרט אינטערעסירט?

— מיך? כאַסוועשאָלעם! אלץ מײַן ווײַב! די מײַסע דערפון, פּארשטייט איר, איז אזוי געווען: עס וועט זײַן א יאָר 5—6, טאקע 6, א יאָר נאָך דער כאַסענע — מיר האָבן נאָך קעסט געגעסן... האָט זיך עפּעס געמאכט, אז מײַן אישע איז נישט געווען אינגאַנצן; נישט כאָלילע קראַנק, זי איז ארומגעגאַנגען, נאָר אזוי, נישט בעקאַוו האַברִיע... איינמאָל פרעג איך זי, וואָס איז איר...

— אייגנטלעך, — כאַפּט ער זיך צוריק, — ווייס איך נישט, נאָך וואָס איך דול אײַך דעם קאָפּ מיט אזעלכע זאכן...

— אדעראבע, — זאָג איך אים, — דערציילט, רעב קאָרעוו...

מײַן שאָכן 'לאכט:

— מע דאַרף שטרוי אין מיצראַיִם? איר דאַרפט מײַנע מײַסעס, איר קענט אײַך נישט אויסקלערן אליין?

— דערציילט, רעב קאָרעוו, דערציילט...

— איר שרײַבט, אפּאָנעם, פאַר יענעם ליגן, און פאַר זיך ווילט איר עמעס?

אז מע זאָל שרײַבן עמעס, פאלט אים גאָר נישט אײַן...

— נו, — מאכט ער, — זאָל זײַן אזוי...

## ג

— נו, — דערציילט מײַן שאָכן, — עס איז קיין בושע נישט: אין א באַזונדער כיידער האָבן מיר געוווינט, א יונגערמאן בין איך געוועזן, מער צוגעלאָזט צו אזוינע זאכן — פרעג איך זי, וואָס עס איז איר, לאָזט זי ארויס א געוויין...

איך האָב אָפּ איר שטארק ראַכמאָנעס געהאַט. אויסער דעם, וואָס זי איז, קיין אײַנהאָרע, ביז הונדערט און צוואנציק יאָר, מײַן ווײַב — איז זי נאָך — א יעסוימע... און אין דער פרעמד, טאקע עלנט!

— ווי הייסט עלנט? — וווּנדער איך מיך.

— מײַן מאמע, אָלעהאשאָלעם, איז, פארשטייט איר, ניפטער געוואָרן א יאָר צוויי פאַר מײַן כאַסענע, און מײַן טאטע, אָלעווהאשאָלעם, האָט שוין קיין אנדער ווײַב נישט גענומען.

מײַן מאמע, זכורסאָ יאָגיין אָליינו, איז געוועזן אן אישע צנוע, און מײַן טאטע האָט זי נישט געקענט פארגעסן, נו, אײַן יידענע איז שטוב... דער טאטע אליין, אָלעווהאשאָלעם, האָט קיינמאָל קיין צײַט נישט געהאַט... קימאַט א גאַנצע וואָך אָפּ די דערפער געוועזן, ער האָט געהאנדלט מיט קאָל האמינים, וואָס איר ווילט נאָר — אייער, פּוטער, שמאַטעס, כאַזער־האָר, לײַוונט.

— און איר?

— איך בין געזעסן אין בעסמעדרעש און געלערנט... נו, א ווייבל אליין, האָב איך גערעכנט, האָט זי מוירע... ווי קומט אָבער ווייַנע דערצו? „נייַן" — זאָגט זי — „זי נודזיעט זיך"... נודזיעט זיך? וואָס הייסט דאָס?

געזען האָב איך, אז זי גייט ארום ווי איינער אין שלאָף. אמאָל רעדט מען צו איר און זי הערט נישט, אמאָל פארטראַכט זי זיך און קוקט אף דער וואנט, און קוקט, און קוקט... אמאָל מאכט זי מיט די ליפּן, און מע הערט נישט איר קאָל... נאָר וואָס הייסט נודזיען זיך? אלץ ווייַבערישע זאכן, אן אם לוי האָיאָ די נאָשים... א ייִד, א מאנצבל נודזיעט זיך נישט... א ייִד האָט גאָר קיין צייַט נישט זיך צו נודזיען, א ייִד איז הונגעריק אָדער זאט; אָדער אן אייסעק, אָדער אין בעסמעדרעש; אניט, שלאָפט ער... האָט מען שוין גאָר צייַט, דרייכערט מען א ליולקע-ציבעק — אָבער נודזיען זיך?

— פארגעסט ניט, — זאָג איך אים, — א ייִדענע אָן טוירע, אָן קאָהאָלשע זאכן, אָן טאריאג מיצוועס...

— דאָס איז טאַקע די מייַסע; איך האָב מיך טאקע באלד אָנגעהויבן שטויסן, אז נודזיען זיך איז א מין ליידיקגייַן, א מין באטאָלאָ, וואָס מע ווערט שיר מעשוגע דערבייַ. אונדזערע ראבויסים האָבן שוין דאָס לאנג געזען בערואַך האַקוידעש... איר קענט די קליינע אויסיעס? האבאטאָלאָ מעוויִאָ לידיי שיִאמום! אלפּי דין טאָר קיין ווייַבל נישט גייַן ליידיק. זאָג איך איר טאקע: טו עפּעס! זאָגט זי, זי וויל „לעזן!"

„לעזן" איז אויך בא מיר געוועזן א מעשונע וואָרט... געוווּסט אפילע האָט מען שוין, אז בא די, וואָס לערנען זיך שרייַבן, הייסט לערנען „לעזן", לעהאַוודל, ביכלעך מיט צייַטונג. איך האָב אָבער נאָך דעמלט נישט געוווּסט, אז זי איז אזא מעלומעדעס... זי פלעגט מיט מיר ווייניקער רעדן ווי איך מיט איר! זי איז אפילע א הניכע ייִדענע, נאָר פלעגן פלעגט זי האלטן דעם קאָפּ אראָפּ, די ליפּן פארביסן, גלייַך זי קאָן קיין צוויי נישט ציילן... זי איז ביכלאל געוועזן א שטילע... א שאָף! און שטענדיק איז איר אפן פּאָנעם געוועזן אויסגעגאָסן אזא מין פארזאָרגעניש — גלייַך עס וואָלט איר א שיף מיט זויערמילך אונטערגע-

גאנגענ... זי וויל — זאָגט זי — לעזנ. אונ וואָס? פּויליש, דײַטש... זאָל זײַנ אידיש-טײַטש, אבי לעזנ...

אונ דאָ איז אינ קאָנסקיוואָלע קיינ זייכער פונ קיינ ביכל נישטאָ! ראכמאָנעס האָב איך אפּ איר, אָפּזאָגנ קענ איך איר נישט... זאָג איך איר צו, אז ווענ איך וועל זײַנ באם פעטער אינ לובלינ, וועל איך איר ברענגענ ביכלעך...

— אונ דו האָסט גאָרנישט? — פרעגט זי.

— איך? כאסוועשאָלעם!

— וואָס דענ טוסטו גאנצע טעג אינ בעסמעדרעש?

— איך לערנ!

— איך וויל אויך לערנענ, — מאכט זי.

איך גיב איר צו פארשטיינ, אז געמאָרע איז, לעהאוודל, קיינ מײַסע-ביכל נישט, אז זי איז נישט פאר ווײַבער, אז עס איז גאָר דאָ א דייע אינ דער געמאָרע, אז נעקייווע טאָרנ נישט לערנענ, אז געמאָרע איז לאָשנקוידעש...

עס האָט אָבער נישט געהאָלפנ! מע זאָל וויסנ דערפונ אינ קאָנטקיוואָלע, וואָלט מענ מיך פארשטיינערט, אונ זיי וואָלטנ גערעכט געווענ! איך וועל אײַך נישט לאנג ברײַענ, איך וועל אײַך דערציילנ קורצ אונ בעקיצער, זי האָט אזוי לאנג מיך געבעטנ, געוויינט, געכאלעשט; אזוי לאנג, אזוי ברייט, ביז זי האָט געפּועלט. איך פלעג מיך יעדע נאכט אנידערזעצנ אונ פארטײַטשנ איר א בלאט געמאָרע...

איך האָב אָבער פריער געוווסט דעם סאָפּ...

— אונ דער סאָפּ איז געווענ?

— פרעגט גאָר נישט... איך האָב איר איבערגעזעצט א בלאט „ארבאָאָ אָוועס נעזיקינ"... האשויר וועהאבויר, וועהאמיווע, וועהאהאווייר... אונ טאקע מיט ראשע, מיט טויספעס, מיט מאהארשאָ... איך האָב געקנאקט, אונ זי — איז דערבײַ נאכט אפּ נאכט אײַנגעשלאָפנ... עס איז נישט פאר קיינ יידענע!

א גליק האָט מיך געטראָפנ, אז אינ דער גרויסער זאווערוכע, וואָס עס איז אינ דעם יאָר געווענ, האָט זיך א פאקנטרעגער פארבלאָנ-

דזשעט קיין קאָנסקיוואָלע, האָב איך איר אהיים געבראַכט א פוד, א גאַנץ פוד מײַסע־ביכלעך... ציִנד ווײַטער איז געוואָרן פאַרקערט... זי האָט מיר געלייענט, און — איך בין איינגעשלאָפן...

און אדהײַנט, — מאכט ער, — ווייס איך נישט, נאָך וואָס עס טויגן די מײַסע־ביכלעך. פאַר מאַנצבלען אוודע נישט! עפשער שרײַבט איר נאָר פאַר ווײַבער?

## ד

דערווײַל האָט אָנגעהויבן טאָגן.

אין דער טונקעלער בויד האָט אופגעטויכט מײַן שאָכנס געל, לאַנג און דאַר פּאָנעם; א פּאָר אונטערגעשלאָגענע, מידע, רויטע אויגן.

ער האָט געוואָלט, אפּאָנעם, זיך נעמען צו דאַווענען פון כאָרנט; ער האָט געווישט די פאַרטויטע שויב פון פּאָסט־וואָגן, נאָר איך האָק אים איבער:

— זאָגט נאָר, איך בעט אײַך, רעב קאָרעוו, האָט אפ מיר קיין פאַריבל נישט, הײַנט איז שוין אײַער ווײַב צופרידן?

— ווי הייסט צופרידן?

— זי נודזיעט זיך נישט מער?

— זי האָט הײַנט א „שטעל״ מיט זאַלצ און מיט הערינג... איין קינד בא דער ברוסט... צווײ — צו קעמען און צו וואַשן!.. מיט נעזלעך שנײַצן איז זי יויצע פאַר א טאָג...

ערווישט נאָכאמאָל די שויב, איך שטער אים ווײַטער —

— זאָגט נאָר, רעב קאָרעוו, — ווי זעט אויס אײַער ווײַב?

מײַן שאָכן שטעלט זיך אופ, וואַרפט אפ מיר א זײַטיקן בליק, באַטראַכט מיך פון קאָפּ ביז די פיס און פרעגט מיך שטרענג:

— וואָס איז, איר קענט מײַן ווײַב? פון וואַרשע, וואָס?

— כאָלילע, — ענטפער איך אים, — איך מיין גלאַט, טאָמער בין איך אין קאָנסקיוואָלע, וויל איך זי דערקענען...

— איר ווילט זי דערקענען! — שמייכלט ער באַרויִקט. — מאַכטייסע! האָט איר א סימען: זי האָט א פּעפער אפ דער לינקער זײַט נאָז.

## ה

דער ייִד איז אראָפּגעקראָכנ פונ פּאָסט-וואָגנ, ער האָט זיכ מיט מיר געזעגנט, שטייענדיק שוינ אפנ שטאפּל, פונדערווײַטנס, אונ גאָר קאלט.

ער איז מיכ, אפּאָנעמ, כוישעד, אז איכ קענ פּאָרט זײַנ ווײַב, אונ עפּשער, אז איכ געהער צו זײַנ טרייפענער מישפּאָכע!

איכ בינ געבליבנ איינער אליינ, נאָר פונ שלאָפנ איז שוינ נישט געווענ וואָס צו ריידנ. דער פרישער מאָרגנ האָט מיכ דורכגענומענ; מײַנ ליטערארישער פּאלטאָ איז אונטערגעשלאָגנ מיט ווינט, אונ דער קילער מאָרגנ גאנוועט זיכ מיר ארײַנ אינ אלע גלידער. איכ האָב מיכ צוריק פארוקט אונ אָנגעשפּארט אינ ווינקל. דורויסנ האָט אָנגעהויבנ שײַנענ די זונ. עס קענ זײַנ, אז איכ בינ געוואָרנ אינ א הערלעכע געגנט. די ערשטע שטראלנ פונ דער זונ האָבנ עפּשער זיכ הערצלעכ געקושט מיט שפּיצנ פונ בערג, מיט גרינע ביימער, אונ עפּשער געגליטשט זיכ אפ א שפּיגל-בלויענ טײַכ... איכ האָב דאָכ די האָזע נישט געהאט צו עפענענ דאָס קליינע פענצטערל...

א ייִדישער ליטעראט האָט דערעּבערעצ פאר קעלט; איכ האָב מיכ גענומענ „אויסצוקלערנ", ווי דער ייִד זאָגט, א מײַסע. דאָכ אנדערע מאכשאָוועס האָבנ מיר איבערגעשלאָגנ...

צוויי פארשיידענע וועלטנ, א מאנישע וועלט, אונ א ווײַבערישע וועלט... א וועלט מיט „ארבאָאָ אָוועס נעזיקינ", אונ א וועלט מיט מײַסע-ביכלעכ, וואָס מע קויפט אפנ פּוד!

לעזט ער, ווערט זי אנשלאָפנ; לעזט זי, ווערט ער אנשלאָפנ... וויניק האָבנ מיר קיטעס... וויניק צעפאלנ מיר אפ „פראנצויזישע נעז", „ענגלישע שטעקנ", „דײַטשע יערגעס", „ליטווישע כאזיירימ", „פּוילישע שנאָרער", „עוצייכראָעל-שלעפער"... וויניק, אז יעדעס אייווער פונ אונדזער גופ ליגט אינ אנ אנדערע שטאל אונ האָט אנ אנדערנ קלינגענדיקנ בײַנאָמענ; וויניק וואָס יעדעס אייווער צעפאלט נאָכ אפ פארשיידענע כאלאָקימ: כסידימ, מיסנאגדימ, דײַטשנ... שפאלטנ מיר זיכ נאָכ אפ זכאָרימ אונ נעקייוועס... אינ יעדערער איינציקער ייִדישער,

ענגער, נאסער, ברודיקער שטוב מוזן אויך זײַן צוויי באזונדערע וועלטן...

לעזט ע ר — ווערט ז י אנשלאָפן, לעזט ז י — ווערט ע ר אנשלאָפן.

מע וואָלט געדארפט, טראכט איך, אלקאָלפּאָנעם די צוויי וועלטן צו פאריייניקן...

דאָס איז דער כויוו פון יעדן יידישן שרײַבער... נאָר די יידישע שרײַבער האָבן צופיל אייגענע כויוועס... מע זאָל ווייניקסטנס האָבן א צושפרונג צו דער פארנאָסע...

★

מײַן קלערן איבער א צושפרונג צו דער פארנאָסע האָט איבערגע-האקט דער פּאָסטיליאָן מיט עטלעכע שארפע טענער. איך בין דאָך נישט אראָפּגעגאנגען פון וואָגן. עס איז מיר א ביסל ווארעמער געוואָרן, די זון האָט אָנגעהויבן צו ווײַזן, אז זי איז נישט קארג.

איך האָב ווײַטער געקריגן א שאָכן, נאָר באם ליכטיקן מאָרגן האָב איך אים גוט געזען און אפילע דערקענט. עס איז געווען מײַנער אן אלטער באקאנטער, מיר האָבן קינדווײַז צוזאמען זיך געגליטשט, אָפּט געשפילט אין בעקן-ברויט, קימאט כאווײרים געווען... דערנאָך בין איך געגאנגען אין ברודיקן פינצטערן כיידער ארײַן, און ער אינעם ליכטיקן פרײַען גימנאזיום...

אז א י ך האָב נישט געקענט, האָט מען מיך געשמיסן, פאר טרעפן דעם מאהארשאָס קאשע — געקניפּן אין בעקל, סײַוויסײַ האָט מיר ווײ געטאָן; ע ר איז א מאָל געזעסן אין קארצער און א מאָל געקריגן פינפן... א י ך האָב מיר דעם קאָפּ געבראָכן איבער קאטאָ דעמאגלאָ, און ע ר איבער גריכישע און לאטײַנישע צײַן-קלאפּעדיקע ווערטער. דאָך האָבן מיר זיך געהאלטן צוזאמען. מיר האָבן געלעבט בישכיינעס; ער פלעגט מיך בעסאָד לערנען לעזן, דערנאָך באָרגן ביכער. אין די שפּע-טערע יאָרן האָבן מיר ביידע איבערגעקערט די וועלט, ליגנדיק אפן גרינעם גראָז נעבן טײַך... איך האָב געוואָלט ערפינדן אזא מין פול-

ווער, וואָס זאָל שיסנ גאָר פונוויַיטנס, אפ הונדערטער מײַל, לעמאָשל; ער — א באַלאָנ, ארופצופליִענ צו די שטערנ, בא יענע מענטשנ זאָיכ עפעס אײַנגעפירנ א „פּאָריאַדאָק”! מיר האָבנ געהאַט שרעקלעכ ראַכמאָנעס אפ דער אומגליקלעכער וועלט, זי איז ארײַנ אינ א בלאָטע, ווי שלעפּט מענ זי אַרויס! אנ אומגעשמירטער וואָגנ, פוילע פערד, אונ דער באַלעגאָלע שלאָפט!

דערנאָכ האָב איכ כאַסענע געהאַט, אונ ער איז געפאָרנ אינ אוניווערסיטעט ארײַנ. קאָרעספּאָנדירט האָבנ מיר נישט. פונוויַיטנס האָב איכ געהערט, אז עס האָט זיכ אים געטראָפנ א מיכשל אונ איז אָנשטאָט דאָקטאָר — אפּטייקער געוואָרנ, אינ א קליינ שטעטל ערגעצ...

אז מײַנ שאָכנ איז ארײַנ אינ וואָגנ, האָב איכ שיר נישט אויסגעשריגנ פאַר פרייד; עס איז מיר ווארעמ געוואָרנ אונטערנ האַרצ. די הענט האָבנ זיכ אויסגעשפּרייט, דער גאַנצער קערפּער האָט זיכ צו אימ איבערגעבויגנ, דאָכ האָב איכ מיכ צוריקגעהאַלטנ; מיט אַלע קויכעס צוריקגעהאַלטנ.

א קאַשע אפ א מײַסע, טראַכט איכ, עס איז טאַקע יאַנעק פּאָלניעווסקי, אונדזער געוועזענעמ סעקוועסטראַטאָרס זונ; עס איז טאַקע מײַנ געוועזענער כאַווער; ער האָט טאַקע אַמאָל געהאַט ברייטע אָרעמ אונ האָט געוואָלט אַרומכאַפּנ די גאַנצע וועלט אונ אויסקושנ איר יעדעס איווער, אויסער די מיִעסע בראָדעווקעס, וואָס מע דאַרפ אָפּשנײַדנ!.. נאָר א קאַשע אפ א מײַסע... הײַנטיקע צײַטנ! עפּשער איז ער שוינ אנ אַנטיסעמיט, א מאַזיק אינ דער „ראָלאַ”, עפּשער זײַנענ הײַנט מיר ייִדנ די בראָדעווקעס — וואָס מע דאַרפ אָפּשנײַדנ פונ אייראָפּעס שיינער נאָז, ער וועט מיכ נאָכ אָפּמעסטנ מיט א פּאָר קאַלטע אויגנ, אָדער זיכ אַפילע צעקושנ מיט מיר, נאָר זאָגנ, אז איכ בינ נישט ווי אַלע ייִדנ...

איכ האָב אָבער א טאָעס געהאַט, פּאָלניעווסקי האָט מיכ דערקענט, געפאַלנ מיר איבערנ האַלדז, אונ נאָכ איידער איכ האָב צײַט געהאַט מיט אימ זיכ צו צערעדנ, באַלד געפרעגט, ווי מיר געפעלט דער פּוילישער אַנטיסעמיטיזמ...

*

— עס איז עפּעס — זאָגט ער, באַטירלעך אַפּ פּויליש — עס איז עפּעס אַ מין כאָליערע, אַ מין עפּידעמיע...

— טייל זאָגן, אַז עס איז פּ אָ ל י ט י ש...

— ג ל ײ ב נישט, — מיינט פּאָלניעווסקי, — די פּאָליטיק מאַכט קיין נײַס, באַשאַפּט נישט קיין פ אַ ק ט ן.

זי קען נאָר אויסנוצן די, וואָס עקזיסטירן; טייל אונטערדריקן, טייל אויפהייבן, אַ ליאַדע פּונק קען זי צעבלאָזן אַפּ אַ גענעם-פײַער; נאָר קיין איינציקן פּונק ערגליען... די מענטשן-נאַטור, נישט די פּאָליטיק, שפּינט די געשיכטע-פֿעדעם, די פּאָליטיק צעפּלעכט, פּאַרדרייט, פּאַר-קניפּט און פאַרפּלאָנטערט זיי!

דער אַנטיסעמיטיזם איז אַ קרענק. די פּאָליטיק שטעלט זיך באַם קראַנקן-בעט, ווי אַ נאַרישער שלעכטער דאָקטער, וואָס וויל די קרענק פּאַרלענגערן.

די פּאָליטיק נוצט אויס דעם אַנטיסעמיטיזם; עס פּליט אַ שטיין אין דער לופט, לענקט אים ב'סמאַרקס אונטערהעלפּער אין שול-פּענצטער אַרײַן; אַז ניט — וואָלטן אַנדערע שויבן געפּלאַצט. עס הייבט זיך אויף אַ פּראָטעסטירנדע פּויסט, רוקט מען איר אונטער אַ ייִדישע דאַרע, אײַנגעגאָרבעטע פּלייצע — אַז נישט, וואָלטן אַנדערע ביינער געקנאַקט...

אָבער דער שטיין, די פּויסט, די סינע, דער האַס — עקזיסטירן פאַר זיך אַליין...

ווער שטאַרבט אַפּ אַ פּיזישן אונטערגאַנג? שוואַכע קינדער, אי-בערגעלעבטע אַלטע לײַט, פּאַרקרענקטע מענטשן; ווער פּאַלט אונטער אַ מאָראַלישע עפּידעמיע? דאָס פּעבל-קינד, דער איבערגעלעבטער אַריסטאָ-קראַט און עטלעכע מעשוגאָים, וואָס שפּרינגען אַרויס און פּירן דאָס קראַנקע רעדל צום ווילדן טאַנץ! עס האַלטן זיך נאָר געזונטע מוי-כעס!..

— וויפל געזונטע מויכעס האָבן מיר? — פרעג איך.

— וויפל? זייער ווייניק, ליידער! — ענטפּערט פּאָלניעווסקי.

מיר זיַינען ביידע טרויעריק שטיל געבליבן. וואָס מײַן שאָכן האָט געקלערט, ווייס איך נישט, מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אַפילע די גע־זונטע, איַיזערנע מוסקלען זיַינען אויך אָנגעריהרט. עס זיַינען פאַראַנען צווייערליי ציַיטן אין דער געשיכטע: אַ מאָל פירט דער בעסטער, קליגסטער מענטש די מאַסע, און — אַ מאָל שלעפּט די מאַסע די בעסטע, קליגסטע מענטשן... דער מאַסע־אָנפירער איז אַ קאָלומבוס, וואָס זוכט פאַר דער מענטשהײַט אַ נײַ גליק, אַ נײַע אַמעריקע... קוים פעלט אָבער וואַסער און ברויט אויף דער שיף, עמפּערן זיך די שיפקנעכט און זיי פירן!.. דאָס ערשטע דאַרף מען עמעצן קוילען, מע דאַרף אים — פלייש עסן, אים — די רעציכע שטילן...

☆

— און מײַן נישט, — האַקט מיר פּאָלניעווסקי איבער די טרויעריקע געדאַנקען, — אַז איך מאַך מיר אַליין קאָמפּלימענטן, אַז איך האַלט מיך אַליין פאַר דעם שטאַרקן גײַסט, וואָס האַלט אויס די עפּידעמיע, פאַר אַ אייכנבוים, וואָס דער שטורעם רירט אים נישט פון אָרט.

— ניין, ברודער, — זאָגט ער ווײַטער, — איך בין נישט פון די גי־בורים. איך וואָלט עפּשער געוועזן מיט אַלע גלײַך, מיך וואָלט עפּשער אויך דער ווינט אָפּגעריסן, ווי אַ פויגל בלעטל פון אייצ־האַדאַס, און מיט מיר אַרומגעדרייט אין דער לופט. איך וואָלט אויך געגלייבט, מיט אַלע פוילע בלעטער צוגלײַך, אַז עס איז בײַ אונדז אַ באַל, אַז מיר טאַנצן מיט כיישעק, אַז דער ווינט איז אונדזער געדונגענער קלעזמער, וואָס שפּילט אונדז צו אַפן פײַפערל...

מיך האָט געראַטעוועט אַ צופאַל... איך האָב אַ ייִדיש ווײַבל דער־קענט! — הער!

איך האָב מיך איבערגעבויגן צו מײַן שאָכן; זײַן פּנים איז נאָך ערנסטער, נאָך פינצטערער געוואָרן, ער האָט געשטעלט די עלנבויגן אַף דער קני און אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אַף די הענט...

— נאָר מײַן נישט, — מאַכט ער צו מיר, — אַז איך האָב דערקענט

א העלדן פון א ראָמאַן, אַן אייַזערנעם כאַראַקטער, וואָס ברעכט צווי-מען און מוירערן און גייט זיך שטאָלץ זייַן וועג; מייַן נישט אפילו אַן „אויסנאַם“, א „געבילדעטע“ מיט נייַע אידייען, אָדער א י י ן „אידעאַל“ ביכלאַל... ניין, איך האָב דערקענט א פּראָסט יידיש ווייַבל, פון די בעסערע, נאָר פון די בעסער אומגליקלעכע. איך האָב זי ליב געקריגן, איך זאָג דיר אויס דעם עמעס. און ווען איך הער אָדער איך לעז עפּעס שלעכטס אף יידן ביכלאַל... שווימט זי מיר אַרויס פון זיקאָרן מיט אירע פייַכטע טרויעריקע אויגן, שטעלט זיך פאַר מיר און בעט זיך: גלייב נישט, איך בין נישט אזוי!..

ער פאַרטראַכט זיך.

די געשיכטע איז גאַנץ איינפאַך, וועקט ער זיך און הייבט אָן צוריק צו דערציילן.

— מיר האָבן איבער דער גאַנצער צייַט נישט קאָרעספּאָנדירט, און דו ווייסט נישט, וואָס מיט מיר איז איבער דער גאַנצער צייַט געשען; איך וועל דיר דערציילן קורץ; איך פאָר נאָר ביז לוקאָווא...

פון גימנאַזיום בין איך אַרייַן אין אוניווערסיטעט און שטודירט מעדיצין. איך האָב נ י ש ט געענדיקט... א ביטל זייַנען כאַווייַרים, א ביסל די לערער, און מער נאָך, איך אַליין שולדיק... איך האָב געמוזט אַרויסטרעטן, ווערן אַפּטייקער, כאַסענע האָבן, נאָדן נעמען און פאַרלייגן זיך אין א קליין שטעטל א קראָם פון פּילן מיט ריצנייל...

עס האָט מיך דאָך א גליק געטראָפן; איך האָב געקריגן אַן ערלעכן שווער, וואָס האָט מיר אויסגעציילט דאָס געלט באַלד נאָך דער כאַסענע, א גוט און שיין ווייַב, א נישקאָשעדיק קליין שטעטל...

מייַן ווייַב האָט געהייסן מ א ר י א... אָט שטייט זי מיר צינד פאַר די אויגן... זי דרייט זיך איבער צו מיר פון שפּיגל אומבאַהאָלפן: דער גאָלדגעלאָקטער קאָפּ וויל זיך נישט אונטערגעבן איר דערכפּאָטישן קאַם. זיי, די לאָקן, צעלויפן זיך לוסטיק אין אַלע זייַטן... זיי ווילן נישט ליגן צוגעדריקט אין קראַנץ, וואָס איז דעמלט מאָדע געווען...

שלאַנק... און אזוינע גוטע, אזוינע האַרציק-לאַכנדיקע הימל-בלויע אויגן...

די פּראַקסע האָט אונדז ווייניק געשטערט... דאָס שטעטל איז צו אָרעם געוועזנ, און אַנ אַפּטייק אָנ אַ דאָקטער איז ווייניק־וואָס ווערט. מע האָט זייער ווייניק געלייזט, האָבנ מיר טאַקע געלעבט ווי אינ גאַ־ניידנ... און, זומער איז עס געוועזנ, שטענדיק אַפּ דער וועראַנדע, האַנט אינ האַנט, אויג אינ אויג, ליפּ אינ ליפּ!

און וואָס האָט אונדז געזאָלט אינטערעסירנ? פּאַרנאָסע איז געוועזנ, גיינ ערגעצ? וווהינ? פונ דער וועראַנדע האָבנ מיר געזענ קימאַט דאָס גאַנצע שטעטל... די נידעריקע, איינגעבויגענע הייזלעכ, מיט די הויכע, ברייטע, שוואַרצע הילצערנע ביידעמ, וואָס האָבנ זיכ געבויגנ, ווי מיט ראַכמאָנעס איבער די בייגל- און אויבס-זיצערקעס, פונ די אָרעמע שטעלנ פאַר די הייזלעכ... גלייכ זיי האָבנ געוואָלט באַשיצנ די איינגעשרומפּע־נע, אַלטע, צעזויגעדאַרטע פּענעמער פאַר דער זונ...

דאָס שטעטל איז אַמאָל רייכ געוועזנ, די ביידעמ זיינענ פול גע־וועזנ מיט אַלערליי טוווערס און פּרוכטנ; דער מאַרק — מיט פורנ, מיט פּויערנ, מיט מעקלער; צווישנ די ווייסע סערמיעגעס און די גרויע כאַ־לאַטנ פּלעגט זיכ אַמאָל באַווייזנ אַ גרויסער פּאָרעצ אויכ... (אַזוי ווײ־ניקסטנס האָט מענ מיר אינעמ שטעטל דערציילט) נאָכ דער שאָסיי מיט דער באַנ האָבנ דאָס שטעטל אויסגעוואָרפנ פונ דער האַנדל-וועלט, די גאַס איז לער, די ביידעמ פול מיט פוילע ציבעלעס און שטיקער קעז — די איינציקע ירושע, וואָס עס איז געבליבנ פונ די גוטע צייטנ...

אָרעמ — ווי נאָר זיכ צו דענקענ! אַפּ יעדנ קערצל קאָרנ, וואָס אַ פּויער ברענגט, וואַרפנ זיכ 10 סאָכרימ, שטייגנ דעמ פּרייז, אינמיטנ גלייכט מענ זיכ אויס, מע זאָגט זיכ צו אָפּטרעט-געלט, אָדער מע קויפט בעשוטפעס — נאָר אַלע צענ שאַרנ אומזיסט אויס אַלע טאַשנ, זיי האָבנ פאַרנ קערצל טוויע נישט צו באַצאָלנ, און באָרגנ צו די רעשט אַפּ פּראָצענט...

און 100 שניידער אַפּ איינ פּאָר בייג-קליידער, 50 שוסטער אַפּ אַ לאַטקעלע... איכ האָב נאָכ אַזאַ דאַלעס נישט געזענ...

מיר האָבנ זיכ אָפּגערוקט פונ שטעטישנ לעבנ ווי ווייט עס איז נאָר מעגלעכ געוועזנ; די גליקלעכע זיינענ עגאָיסטנ.

נאָר קעגניבער אונדז, וויזאווי, האָבנ מיר באַמערקט א יונג ווײַבל, אוואדע נישט מער ווי א יאָר 18, העכסטנס צוואַנציק. אונ פונ איר האָבנ מיר ביידע נישט געקאָנט אָפּרײַסנ אנ אויג... זי, פראַוודע, פונ אונדז אויכ נישט... עס איז געוועזנ א זעלטענע ערשײַנונג... שטעלט אײַכ פאָר — א שיינהײַט, א בילד אינ א ברודיקע ראַמ, ווי נאָר א יידיש פענצטער קענ זײַנ אינ א קליינ שטעטל, אונטער א שרעקלעכ אויסגעקרימטנ דאַכ... שטעל דיר פאָר, א פּאָר טרויעריקע, טרוימעריש פײַכטע אויגנ אפ אנ אלבאַסטער ווײַס פּאָנעמ, אונ — אונטער א האָרבאַנד!..

גאָט! זי האָט אפ אונדז א שרעקלעכנ אײַנדרוק געמאַכט...

שטונדנלאַנג פלעגט זי שטיינ געבויגנ איבערנ פענצטער, פארבראָכנ די הענט, אונ טרויעריק געקוקט אַז אונדז, אָדער אפ די שטערנ אינ הימל, אונ שלינגענ די טרערנ! מיר האָבנ געזענ, אז זי איז שטענדיק אליינ, עלנט (אײַערע מענער האָבנ קיינמאָל קיינ צײַט נישט), שטענדיק פארטרויערט, פארבענקט. איר אומגליק איז איר געוועזנ אויסגעגאָסנ אפנ בלאַסנ פּאָנעמ... זי איז זיכער געקומענ ערגעצ פונ דער פרעמד; פונ א בעסער, פרײַער הויז, זי האָט געבענקט ערגעצ ווײַט, ווײַט אוועק. איר האַרצ האָט געצאַפּלט צו א פרײַער לעבנ. זי האָט אויכ געוואָלט לעבנ, ליבנ אונ געליבט זײַנ... ניינ, זאָגט, וואָס איר ווילט, עס טרעפט זיכ צווישנ אײַכ אָפּט די אוולע, איר פארקויפט אײַערע טעכטער... עמעס, מיט דער צײַט געווינענ זיי זיכ צו, מיט דער צײַט פארגעסנ זיי... זיי זײַנענ פרומ, זיי זײַנענ גוט, אונ געדולדיק... נאָר ווער קענ איבערציילנ די ביטערע טרערנ, וואָס פאלנ אפ זייער פארשווארצט פּאָנעמ, איידער דאָס אויג ווערט אויסגעטריקנט? ווער קענ איבערעכענענ, וויפל קלעמ עס טוט אינ האַרצ, איידער עס געווינט זיכ אָפּצושטארבנ לעבעדיקערהייט? אונ פאר וואָס קומט עס זיי, צי ווידקלעכ, ווײַל זיי זײַנענ גוט אונ פרומ?

דו זאָלסט קענענ דעמ ווײַבלס מאנ; א געלעניש... אײַנגעהויקערט... צוויי מאָל געזענ אינ טאָג האָב איכ אימ! אינדערפרי ארויסגיינ, באַדערנאַכט אהיימ קומענ...

אנ אוולע...

איר וועט מיר עפשער מוידע זײַן, אז איך האָב פּאָלניעוואָסקין אפּ דעם נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן...

מיר האָבן ביידע געשוויגן א ווײַלע, און פּאָלניעוואָסקי האָט ווײַטער אָנגעהויבן צו דערציילן:

—איינמאָל האָט אונדז דאָס ווײַבל פאַרפעלט. זי איז א גאַנצן טאָג אין פענצטער נישט געשטאַנען.

„זי מוז קראַנק זײַן", האָבן מיר געטראַכט.

פאַרנאַכט קומט אַרײַן דער מאַן, דאָס געלעגניש, און פרעגט אפּ א רעפּוע.

— וואָס פאַר א רעפּוע?

— איך ווייס? — מאַכט ער. — א רעפּוע!

— פאַר וועמעס וועגן?

— דאָס דאַרפט איר אויך צו וויסן? פאַר מײַן ווײַבס וועגן!

— וואָס איז איר?

— אָסער, אויב איך ווייס... זי זאָגט — דאָס האַרץ טוט איר ווי...

— אזויערנאָך, — דערציילט פּאָלניעוואָסקי, — איז געוואָרן אונדזער ערשטע באַקאַנטשאַפט. איך וועל דיר נישט לאַנג ברײַען... א שטיקל דאָקטער בין איך דאָך... בין איך אהין געגאַנגען...

פּאָלניעוואָסקי האָט גערעדט שוין האַלבע ווערטער; ער זוכט פּאַפּי־ראָסן, דערנאָך שוועבעלעך, ענדלעך האָט ער אָפּגעהאַקט, געעפנט דעם סאַקוואָיאַזש און געפּאָרעט זיך עטלעכע מינוט.

איבער דער צײַט האָבן מיך געקוועלט פאַרשיידענע געדאַנקען.

איך האָב אָנגעהויבן צוריק צו קוקן אפּ פּאָלניעוואָסקין מיט אַנדערע אויגן; זײַן ערציילונג האָט מיר אָנגעהויבן ווי טאָן...

ווער קען א מענטש? ווער ווייסט, וואָס אין אים שטעקט? עס הייבט זיך מיר אָן דאַכטן, אז איך האָב פאַר מיר א קריסטלעכן טכויר, וואָס גאַנוועט זיך אַרײַן אין א יידיש הינעדרשטײַג. ער עמפּערט זיך צופיל איבערן מאַזל פון יידישע טעכטער, צו לאַנג זוכט ער מיר

שוועבעלעכ; עפּעס שעמט ער זיכ פאַר מיר! פאַרוואָס וויל ער נישט „לאנג ברײַענ”? פאַרוואָס וויל ער מיר נישט דערציילנ אַלצ קעהאוואַיע, מיט אַלע פּראָטימ? ווער ווייסט, וואָס פאַר א ראָליע ער האָט אינ דער זאכ געשפּילט, צי נישט די אלטע ראָליע פונ שלאנג אינ גאנײדנ! וואָס איז, דאָס געוויסנ וועט נישט לאָזנ? אויכ מיר אנ אײסעק! א י׳ד י ש ווײַבל, פאַרוואָס נישט! אמאָל איז א מיצווע געווענ אָפּצו-טויפנ, הײַנט כאָטש צו עמפּערנ א י׳דישע טאָכטער קעגנ איר גאָט, אירע עלטערנ, איר מאנ, אונ — איר גאנצ לעבנ.

עס הייסט ליבעראליזמ, ארײַנגיינ אינ טפיסע, ברענגענ מיט זיכ א פרישע פּאליע לופט, א בונד שטראַלנ פונ דער זונ, אופּוועקנ דעמ ארעסטאנט, געבנ אימ א שטיקל לעקעכ, אונ פאַרשווינדנ ווערנ... נישט צו זענ, ווי דער ארעסטאנט קריצט מיט די ציינ, ווענ עס דרייט צו-ריק איבער דעמ פאַראָסטעטנ שליסל אינ שלאָס; ווי פינצטער עס ווערט זײַנ פּאָנעמ, ווי ענג אימ ווערט די לופט, ווי ספּאזמאטיש ער אָטעמט, ווי ער רײַסט פונ זיכ האָר אונ פלייש, אָדער באגיסט, אויב ער קענ נאָכ ווייִנענ, מיט ביטערע טרערנ זײַנ פאַרשימלט, פונ מײַז אויסגעביסנ שטיקל קלײַענ-ברויט...

אופוועקנ א פינצטער, פאַרשלאָפנ, פאַרדריקט י׳דיש-ווײַבעריש הארצ, זאָל דאָרטנ אופקלינגענ א זיסער ראָמאנטי׳שער טאָנ, זאָל דאָרטנ אופ-לאמענ א נײַ, ווילד, א מבאקאנט, אָדער לאנג פאַרגעסנ, געפיל; אָפּ-קושנ זיכ, אונ דערנאָכ — אדיע! פאַרהאמערט די טיר! זאָל איר זויער אונ ביטער זײַנ דאָס לעבנ.

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

מיר האָבנ זיכ אזויפיל אָנגעגעסנ מיט סאמ, מיט גאל, מיט האס, אז ווענ מע דערלאנגט אונדז ברויט מיט זאלצ, זײַנענ מיר אויכ זיכער, אז עס איז פאַרגיפטעט... מעג די האנט ציטערנ נאָר ראכמאָנעס, מעג אינ אויג הענגענ א מיטלײַדס-טרער, אפּ די ליפּנ — טרייסט...

עס איז שווער צו גלייבנ! מיר זײַנענ אויכ אָנגעשטעקט, עס איז אפּ אונדז אויכ אנ אונטערגאנג!

פּאָלניעווסקי האָט דערווײַל געפונענ זײַנע ציינדהעלצער, און איכ האָב אומגערנ גענומענ א פּאַפּיראָס. מיר האָבנ פאַררייכערט, די בויד איז פול געוואָרנ מיט בלויע, רויכיקע רעדער. איכ האָב געקוקט אָפּ זיי, נאָכגעיאָגט און געטראַכט: נישט לענגער געדויערט דאָס גוטע מיטנ שלעכטנ צוזאַמענ!

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

— מיר האָבנ זיכ דערקענט, — דערציילט ווײַטער מײַנ קריסטלעכער שאָכנ, — נאָר צו ענגערע פרײַנטשאַפט איז נישט געקומענ...

— פאַרוואָס? — פרעג איכ איבעראַשט.

— פונדערווײַטנס האָבנ מיר זיכ ווײַטער אָנגעקוקט ווי די בעסטע גוטע-פרײַנט, נאָר נישט זי האָט געקענט צו אונדז, נישט מ י ר צו'נ איר קומענ.

זי וואָלט מער נישט באַדאַרפט! עס איז אַנ אומגעהייער פרום שטעטל. אויסער דעם פעלדשער און א יונג דאַמענ-שנײַדערל טראָגנ אַלע כאַלאַטנ...

אויסער דעמ, ווייס איכ עכשיר אַליינ נישט, וואָס עס האָט אונדז דאָכ צוריקגעהאַלטנ... נאָר נישט אינ דעמ בינ איכ אויסנ...

מיכ האָט דערווײַל געטראָפנ דאָס גרעסטע אומגליק, וואָס א מענטש קענ טרעפנ.

די אַפּטייק האָט גאַנצ ווייניק אײַנגעטראָגנ, און מײַנ ווײַב האָט אָנגעהויבנ קרענקענ.

טאָגטעגלעכ האָב איכ געזענ בעכויש, אַז זי שטאַרבט מיר אָפּ, און עס איז נישט געווענ מיט וואָס צו ראַטנ. זי האָט באַדאַרפט איטאַליענ, און איכ האָב נישט געהאַט איר עסנ צו געבנ... און בא אַנ אָפּצערונג, ווי דו ווייסט, איז דער קראַנקער פול מיט האָפענונג, ער גלייבט נישט אינ דער קרענק!

דאָס גאַנצע ווייטעק, דעמ גאַנצנ צאַר מוזטו אונטערדריקנ, האַלטנ טיפ באַגראָבנ אינ האַרצ. ווענ דאָס האַרצ בלוטיקט, מוזטו שמייכלענ, דײַנ שטערנ מוז זײַנ גלאַט! יעדע סעקונדע שטאַרבט אינ דיר יעדעס

אייוועך, און דו מוזט העלפן פּלענער מאכן, וואָס עס וועט זײַן איבע־ראַיאָר, וויאַזוי מע וועט פאַרגרעסערן דאָס הויז, קריפן אַ פּיאַנע...

דאָס קאָל האָט זיך אים פאַרענדערט —

— איך בין נישט אימשטאַנד דיר אַלץ צו דערציילן, נאָכאַמאָל אי־בערצולעבן די אַלע פּײַנטלעכע צאָרעס... נאָר מײַן אומגליק האָט מיך צוזאַמענגעבראַכט מיט איר אומגליק. מיר האָבן זיך אַזויערנאָך נעענ־טער דערקענט...

פונדערווײַטנס האָט זיך געוויזן לוקאַווא.

— אין די אייניקע מינוטן, וואָס איך האָב נאָך צײַט, קען איך זאָגן, אַז אַזאַ אומגליקלעך מענטש ווי דאָס ווײַבל איז געוועזן, און דערבײַ מיט אַזויפיל געפיל און ראַכמאָנעס פאַר אַנדערע — האָב איך נאָך אין מײַן לעבן נישט געזען... און אַלץ אַזוי איינפאַך, נאַטירלעך, נישט איבערגעטריבן...

זי האָט מאַריאַס בעט נישט אָפּגעטרעטן. זי האָט געפּויעלט באַם מאַן, ער זאָל מיר געלט שאַפן אַף קלענערע פּראָצענט. זי איז אונדזער וועכטערן, אונדזער ווירטן, אונדזער קעכן, אונדזער ערגעבנסטער פרײַנט געוועזן!

און אַז מאַריאַ איז געשטאָרבן, איז עפּשער שווערער געוועזן זי צו טרייסטן ווי מיך!

דעמלט האָב איך מיך איבערצײַגט, אַז די סינע צווישן פעלקער איז נישט נאַטירלעך... נישט מער, עס איז שלעכט אַף דער וועלט; היי־סערע, בלוטיקערע אָדער אומגליקלעכערע ווילן פּראָטעסטירן, נאָר דער פאַלשער שרײַבער, דער פּאָליטישער אַדוואָקאַט, שרײַבט זיי אַ דאָנאָס אַף יידן...

איך האָב געזען בעכוש, אַז יידן זײַנען אונדז קיין סאָנים נישט, אַז מיר קענען לעבן בעשאָלעם!..

לוקאַווא רוקט זיך אַלץ נעענטער און נעענטער, און איך האָב אַלץ מוידע פאַרן סאָף, איך האַק אים איבער און פרעג:

— און וואָס איז דער סאָף געוועזן מיט דעם ווײַבל?

— איך ווייס? איך האָב צו קורצע געבראַכט מײַן ווײַב, פּאַר־

קויפט די אפטייק, צעווײנט זיך באַם געזעגענען מיט מײַן שכײנע, און — גאָרנישט! הײַנט ווײַס איך אין לוקאָווע, עס גײט מיר הײַנט אויך נישט גוט...

— און זאָג נאָר, ווי הייסט דאָס שטעטל, וווּ דו האָסט פריִער געווײנט?

— קאָנסקאָ-וואָלאַ —

— דײַן שכײנע איז א הויכע, א בלאסע?..

— יאָ!

— א דארע?

— יאָ; דו קענסט זי? — פרעגט ער דערפרייט.

— זי האָט א פּעפּער אף דער לינקער זײַט נאָז?

— וואָס פאר א פּעפּער? — לאכט יאַנעק, — וואָס פאלט דיר אײַן.

איך קלער, אז איך האָב א טאָעס געהאט, און פרעג:

— עפּשער אף דער רעכטער זײַט נאָז?

— וואָס פאר א פּעפּער? וואָס רעדסטו?

— האָסטו עפּשער נישט באמערקט... נאָר איר מאַן איז א געלער?

— יאָ.

— ער הייסט כאַיִם?

— דאכט זיך מיר, נײן, און עפּשער יאָ, ווייסט דער טײַוול...

— אָבער זי הייסט כאנע!

— אַך, ווי! סאָרע! איך געדענק זיכער סאָרע... איך פלעג זי רופן סאָרוכנא... איר נאָמען וועל איך דאָך נישט פארגעסן!

דער נאָר בין איך געווען, א ייִן ייִדיש ווײַבל לעבט אזוי?

# אין קעלער־שטוב

(אַ בילד)

## אַ גרויסע קעלער־שטוב, פול מיט בעטן!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

פריידע די האָלאָדריגיכע שלאָפט שוין לאַנג אַפ איר קאַסטן, אַין איר ווינקעלע צווישן אויוון און וואַנט. זי האָט זיך הײַנט פרי געלייגט, ווײַל עס איז מאָרגן יאַריד אין אַ נאָענט שטעטל, דאַרפ מען אופשטיין פרי און אַרויספאָרן מיט דער מאַזש. זי שלאָפט דאָך אומרויִק — זי וועט האָבן צאָרעס צרורעס מיטן געלעגנהײַט: זי האָט באַדונגען דעם באַלעגאָלע, ער זאָל זי אופנעמען מיט אַ קליינע פעסל, און נאָך פאַרן אײַנשלאָפן האָט זי אַ יִשעוו געהאַט, אַז עס איז גלײַכער מיטצונעמען דאָס גרויסע פאַס. זי האָט זיך לאַנג אומרויִק געוואָרפן אַפן געלעגער: „אַ בייז מויל אַ יִדענע האָט — האָט זי אַפ זיך אַליין זיך געבייזערט — אַרויסגעכאַפט זיך: „ס׳קליינע פעסל״! נאָך וואָס? נאָך ווען? דעם באַלעגאָלעס דײַגע? ער וועט דאַרפן מעפּײַעס זײַן די פערד מיט נאָך אַ ביסל האָבער?״ אַזוי וואָרטשענדיק אַפ דער מיִעסער צונג, וואָס אַן אישע האָט, איז זי קוים אײַנגעשלאָפן. פון אונטערן איבערבעט שטאַרט אַרויס אַ רויט קאָפּ:טיכל, וואָס פאַלט איר אַראָפ אַרום פּאָנעם, ווי אַ רעמל אַרום דער שפּיציקער, בלוילעכער נאָז. זי אָטעמט ש..ער. זי מוז האַלטן די בייניקע הענט אַפן אַלטן האַרץ; גאָט ווייסט, וואָס עס כאָלעמט איר! עפּשער וואַרפט זי דער באַלעגאָלע אַוועק, און זי בלײַבט אַ האַלב יאָר אָן פּאַרנאָסע!

דער ווינקל קעגניבער געהער צו יאָסל וואסערטרעגער. דאָס ווײַב מיט די צוויי קינדער שלאָפנ אינ אײנ בעט, אונ ער מיטנ עלטערנ כיידער־ייִנגל — אינ צווייטנ. פונ די בעטנ רײַסט זיכ אויכ אלעמאָל ארויס א זיפצ, דאָ איז מענ אויכ אײַנגעשלאָפנ מיט אגמעסנעפעש. דאָס כיידער־ייִנגל האָט געוויינט „רעבע־געלט"! אונ די נאָכ עלטערע טאָכטער איז געבליבנ אָנ אנ אָרט. זי האָט געהאט א ווילע שטעלע, בא א פאָרפאָלק אָנ קינדער, דארפ פלוצלינג די באלעבאָסטע שטארבנ! זי איז אהיימ געקומענ; זי וועט דאָכ נישט בלײַבנ אליינ מיטנ אלמענ! עס קומט איר א פאָר רובל סכירעס; מע וואָלט געקאָנט דערפונ כאָטש רעבע־געלט באצאָלנ; טײַנעט אָבער דער אלמענ „לוי פאָקדאני" — דאָס ווײַב האָט אימ נישט אָנגעזאָגט, אונ ער אליינ ווייסט נישט; ער האָט זיכ קיינמאָל נישט געמישט אינ ווײַבערישע זאכנ. איידער מע איז אײַנגעשלאָפנ, האָט מענ זיכ א ביסל געקריגט: די מוטער האָט געראטנ דעמ אלמענ רופנ צו א דינ־טוירע; די טאָכטער וויל בעסער שרײַבנ א פראָשעניע, אָדער צומ „מיראָוואָי" אָדער צומ „נאטשעלניק". יונע וויל ביידע אייצעס נישט הערנ: דער אלמענ וועט זיכ נויקעמ זײַנ אונ אָפריידנ אימ אלע באלעבאטימ. „ער דארפ נאָר — זאָגט יונע — געבנ א פיפס, בינ איכ אויס קאפעליוש־מאכער... עס האָט דענ א שיר וויפל וואסערטרעגער עס גייענ הײַנט ארומ שלינג אונ שלאנג, זײַט מע האָט די וואסערלייטונג געמאכט?"

ארופ־צו העכער שנאָרכט בערל טרעגער איינער אליינ, ווי א „כראביע", אינ בעט. ביידע קינדער שלאָפנ אינ צווייטנ; דאָס ווײַב איז א קעכנ אונ האָט הײַנט א כאסענע. דאָכ — שלאָפט מענ אויכ נישט רויק. בערלענ בלאָנדזשעט ארומ שוינ א צײַט עפעס א ווייטעק צווישנ די ביינער. אויכ דער עלטערער זונ זיפצט אלעמאָל פונ שלאָפ; ער ארבעט בא קאלכ לעשנ אונ האָט זיכ א פיסל אָפגעבריט.

נאָכ ווײַטער שלאָפט, ווי א „כראבינע", איינע אליינ אינ א בעט, צירל די זיצערנ; אינ צווייטנ שלאָפנ אלע דרײַ קינדער. איר מאנ איז א נאכט־וועכטער. קאאלויס, אז ער וועט קומענ, וועט זי ארויסגייג מיט ברויט אונ פרישע בייגל.

מיר האלטנ שוינ באמ דריטנ ווינקל; עס שטייט נאָכ א בעט, — א
שמאָל אײַזערנ בעטל. אנ אומגעזונט-געריטלטער פרויענ-קאָפּ שלאָגט זיכ
אָפּ פונ א קנויל אלטווארג, וואָס דינט אימ אלס קישנ. די יונג-פאר-
ברענטע ליפּנ עפענענ זיכ אָפּט, ארויסצולאָזנ א שווערנ זיפצ. „א שווע־
רע פּארנאָסע״ האָט איר מאנ, „ער האָט קיינ מאזל נישט״. מיט כיי-
רעפּ-נעפעש האָט ער יענע וואָכ ארויסגעשלעפּט א קופּערנעמ קעסל אונ
באגראָבנ אינ זאמד אונטער דער שטאָט — האָט מענ אימ געפונענ! ווער
ווייסט, מיט וואָס ער וועט הײַנט אהיימ קומענ? עפּשער זיצט ער שוינ
גאָר... אונ דאָ האָט מענ דרײַ וואָכנ קיינ טעפּל ווארעמ וואסער נישט
צוגעשטעלט... פונ דער דירע טרײַבט מענ...

„א שווערע פּארנאָסע... אָנ מאזל!״ זיפצנ די פארברענטע ליפּנ. אונ
מע מוז זיכ נאָכ פּאר שכיינימ היטנ. מע פרעגט אלצ: וואָס טוט דײַנ
מאנ? וואָס קומט ער אזוי שפּעט אהיימ?..

---

איבער אלע בעטנ ציטערט א טונקעלע שײַנ פונ מיט שטוב; פונ
איבער שפּאנישע ווענטלעכ, וואָס זײַנענ די גרענעצנ פונ א יונג פּאָר-
פּאָלקס מעמשאָלע. טרײַנע „דאלעד אמעס״ די יונגע באלעבאָסטע שלאָפט
נאָכ נישט. ערשט צוויי כאדאָשימ נאָכ דער כאסענע — ווארט זי אפנ
מאנ, וואָס דארפ קומענ פונ בעסמעדרעש. בא איר ברענט זיכ עס דער
קאגאניעצ, וואָס ווארפט העל-ווײַסע פלעקנ אפנ שווארצנ סופּיט אונ
שיקט ארויס, דורכ די לעכער פונ שפּאנישנ ווענטל, די עטלעכע אָרעמע
שטראלנ, וואָס טאנצנ איבער די אָרעמע בעטנ מיט די אָפּגעארבעטע,
מידע פּענעמער.

אינ טרײַנעס מעמשאָלע איז ליכטיקער אונ ריינער. — צווישנ ביידע
בעטנ אפ א ווײַס טישל ליגט א קאָרבנמינכע-סידער, צווישנ צוויי קליינע
מעשענע לײַכטערלעכ — איר דראָשע-געשאנק! אפ דער וואנט הענגענ
כאסענע-מאלבושימ, א טאלעס-זאק מיט אנ אויסגענייטנ מאָגנדאָוויד.
פּאר דאָס איז קיינ בענקלעכ אינ דער מעמשאָלע נישטאָ. זי זיצט אפ
א בעט, פּאריכט א נעצ פּאר די ציבעלעס, וואָס ליגנ נעבנ איר, צע-

וואָרפֿן אױף לײַלעך. דאָס גאַנצע בעטגעוואַנט ליגט אױף צוויי̆טן בעט — אונטערן געטגעוואַנט איז באַהאַלטן דאָס ייִנגל אױף וועטשערע.

עס עפֿנט זיך שטיל די טיר. טרײַנע ווערט רויטלעכער, זי פֿאַר-לירט די נעץ פֿון דער האַנט און שפּרינגט אױף פֿון בעט. זי בלײַבט דאָך שטיין, — עס פּאַסט ניט פֿאַר שכיינים: טאָמער כאַפּט זיך וועלכער אױף, וועט מען כּוכע-טלולע פֿון איר מאַכן! צאָרעס האָט זי פֿון די שכיינים! פֿון פֿריידעלען דעריקער... זי קאָן נישט פֿאַרשטיין, וויאַזוי מע שילט נישט אַ מאַן באַלד צומאָרגנס נאָך דער כופּע! „וואַרט, — זאָגט זי, די „אַלטע מאַכשייפֿע“! — דו וועסט שוין זען, וואָס פֿאַר אַ מאַזל דו וועסט בײַ זיך האָבן... ווײַז אים נאָר אַ פֿינגער“!

פֿריידל לאָזט איר קיין פֿרײַע מינוט. אַ מאַן, — זאָגט זי — אַז מע פֿירט אים נישט אַרום בײַ דער נאָז, איז ער ערגער ווי אַ וואָלף; ציט ער די קליי פֿון די ביינער אַרויס, דאָס בלוט זויגט ער אויס פֿון די אָדערן! שוין צען יאָר — זאָגט פֿריידל — זיצט זי אָן אַ מאַן, און קאָן נאָך אַלץ צו די קויכעס נישט קומען! און פֿריידל איז אַ קלוגע ייִדענע, אַ מע-לומעדעס! „וואָס עס קומט אים — זאָגט זי — אַלמי דינ, וואַרף אים ווי אַ הונט אַ ביין. און ווײַטער — וואַרא! נאָר פֿונדערווײַטנס און — נאָר געפּלוכט“!

טרײַנע האָט צײַט דאָס אַלץ זיך צו דערמאָנען, ווײַל עס דויערט, איידער יאָסעלע גאַנוועט זיך דורך אױף די נעגל צווישן די שכיינים; יעדער טריט זײַנער שלאָגט איר אָפּ אין האַרץ, נאָר אַקעגן גיין — פֿאַר קיין שום געלט. אָט פֿאַלט ער שיר! אָט איז ער שוין בײַ די ווענט-לעך. — זי אָטעמט אָפּ.

— גוטן-אָוונט. — מאַכט ער שטיל מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן.

— גוט-יאָר. — ענטפֿערט זי נאָך שטילער.

— ווילסט עסן? — פֿרעגט זי.

— און דו?

— מאַ...

ער איז אַרויס אונטער די ווענטלעך און איז צוריקגעקומען מיט אָפּגעװאָשענע הענט; זי דערלאַנגט אים אַ האַנטעך. אױפֿן עק פֿון טישל

שטייט שוין גרייט א „מויצע" מיט זאלץ און דאָס אמירגענומענע ייִיכל.

ער זיצט אפּ זײַן בעט, אפּן גאנצן בעטגעוואנט; זי אפּ אירן מיט די ציבעלעס. זיי עסן גאנץ לאנגזאם און ריידן דערבײַ מיט די אויגן — ווי ערשט נאָך א כאסענע, און מיט די מײַלער — פון פּארנאָסע.

— נו, ווי האלטסטו?

— אָט, — זיפצט ער אָפּ, — דרײַ טאלמידים האָב איך שוין!

— בלײַבט טאקע מעלאמדעס? — פרעגט זי טרויעריק.

— מא! — ענטפערט ער.

— געליבט איז גאָט דערפאר, — טרייסט זי זיך און אים צוזאמען.

— געליבט איז גאָט, — זאָגט ער איר נאָך — נאָר דאָס איז ערשט 120 רובל!

ער זיפצט.

— נו, וואָס זיפצסטו?

— רעכן, — ענטפערט ער, — א רובל א וואָך דירע-געלט, איז 26 רובל א זמאן; שולדיק בין איך נאָך... כאסענע-הויצאָעס...

— ווי הייסט? — פרעגט זי פארוווּנדערט.

ער שמייכלט:

— דו מיינסט טאקע, נארעלע, אז דער טאטע האָט געקאָנט מער ווי צוזאָגן?

— נו, אקלאל? — האקט זי אים איבער.

— דאָס הייסט, — פירט ער ווײַטער דעם כעזשבן — א רובל 12, איז שוין 38. וואָס בלײַבט אפּ עסן?

זי רעכנט:

— 82, דאכט זיך?

— אפּ 26 וואָכן!

— נו וואָס איז, — מאכט זי — א י ב ע ר 3 רובל א וואָך.

— און ווו איז, — פרעגט ער טרויעריק, — האָלץ... ליכט... שאבעס וועיאָמטעוו?

— עט, גאָט פארלאָזט נישט, — טרייסט זי — א י ך קען אויך עפּעס

טאָג: אָט האָב איך אײַנגעקויפּט ציבעלעס! איי ער זײַנע וואָלוול, וועל איך אויך אײַנקויפן, בעמעשעך א פּאָר וואָכן וועט עפּעס כאַפּן אפן שאָק!

— און רעכן נאָר איבער, — פירט זי ווײַטער — וואָס קאָסט האָלץ און ליכט? א גאָרנישט! עפּשער א רובל א וואָך... בלײַבט אלץ...

— און שאבעס! און יאָמטעוו? וואָס רעדסטו, קינד?

און דאָס וואָרט „קינד" איז ארויס אזוי ווייך, אזוי גוטהארציק, אז זי צעשמייכלט זיך.

— נו, בענטש נאָר, בענטש — מאכט זי, — לייג אָפּ די כעזשבוי-נעס אפּ מאָרגן... שוין צײַט צו שלאָפן.

זי פארשעמט זיך דאָך, לאָזט אראָפּ די ברעמענ און גלײַך זי פארענטפערט זיך:

— דו קומסט אזוי שפּעט... — זאָגט זי מיט א האלב געמאכטנ געגעץ.

ער בייגט זיך צו איר צו איבערן טישל:

— נאריש קינד, — פליסטערנ זײַנע ליפּן — איך קום דאָך אומישנע שפּעט, מיר זאָלן קענען צוזאמענ עסן... פארשטייסט! אזוי פּאסט דאָך נישט... ווייסט דאָך, א מעלאמעד!

— נו, בענטש נאָר, בענטש! — ראט זי דאָס איריקע מיט פעסטער געשלאָסענע אויגן.

ער מאכט די זײַניקע אויך צו. ער וויל ערנסט בענטשן, די אויגנ רײַסן זיך אים דאָך אלע ווײַלע אוף... ער דריקט פעסטער אראָפּ די ברעמענ, עס בלײַבט דאָך א שפּאלט, דורך וועלכן ער זעט זי, עפּעס וווּנדערפארביק באלײַכט, אז ער קען פונ איר דעם בליק ניט אָפּרײַסן.

זי איז מיד — קריגט ער ראכמאָנעס.

ער זעט, ווי זי רוקט זיך העכער ארופּ אפן בעט, שפּארט אָן דעם קאָפּ אָן דער וואנט. „זי וועט אזוי אײַנשלאָפן", קלערט ער.

— פארוואָס נעמט זי נישט קיינ קישן? — ערגערט אים. אויסריידנ קאָן ער נישט, מאכט ער: מ... מ...!

זי הערט דאָך נישט, ער יאָגט צו דאָס בענטשן, ענדיקט, שטעלט זיך אוף און בלײַבט שטיין, נישט וויסנדיק וואָס צו טאָן.

ער רופט: „טרײַנע!‟ נאָר אזוי שטיל, אז עס קענ זי נישט וועקנ. ער רוקט זיכ צו צו איר בעט אונ בייגט זיכ איבער איר. איר פּאָנעם שמייכלט אזוי זיס... עס מוז זיכ איר עפּעס גוטס כאָלעמענ... אונ ווי שיינ זי שמייכלט... אנ אווײרע זי וועקנ! דאָכ וועט איר דאָס קעפּל ווײ טאָנ... איי, האָט זי האָר געהאט — ער האָט זיי אפּ די טנאָים גע-זענ — שווארצע, לאנגע... הײַנט גאָל... דער ציפּיק איז א געשטיקטער, א דינער מיט לעכלעכ. אפילע א כײַנעוודיקער... ער שמייכלט אויכ מיט!

מע מוז זי דאָכ וועקנ! ער בייגט זיכ צו נאָכ נעענטער, דערפילט איר אָטעמ, ציט אימ גיריק אינ זיכ ארײַנ... זי ציט אימ צו ווי א מאגנעט... אונ נישט ווילנדיק רירט ער אָנ אירע ליפּנ מיט די זײַ-ניקע.

— איכ שלאָפ גאָר נישט, — מאכט זי ראפּטאָמ אונ עפנט א פּאָר שעלמיש לאכנדיקע אויגנ. זי ווארפט אימ אירע הענט ארומ אקסל אונ ציט אימ צו צו זיכ.

— נישקאָשע, — רוימט זי אימ אינ אויער ארײַנ אזוי זיס, אזוי גוט — נישקאָשע... גאָט, דער גוטער, וועט העלפנ... דאָס האָט ער דאָכ אונדז צוזאמענגעברענגט... ער וועט נישט פארלאָזנ! עס וועט זײַנ — אי האָלצ... אי ליכט... עס וועט זײַנ פּארנאָסע... עס וועט גוט זײַנ... גאָר גוט זײַנ... ס׳וואָר, יאָסעלע? ס׳וואָר!

ער ענטפערט נישט. ער ציטערט אינגאנצנ.

זי שטופּט אימ א ביסל אָפּ פונ זיכ.

— קוק אפ מיר, יאָסל, — פאלט איר אײַנ צו פארלאנגענ.

יאָסל וויל פאָלגנ אונ קענ נישט.

— באטלענ, — מאכט זי צו אימ ווייכ, — נאָכ נישט צוגעוווינט, הא?

ער וויל באהאלטנ זײַנ קאָפּ אפ איר ברוסט, זי לאָזט נישט.

— וואָס שעמסטו זיכ, באטלענ! קושנ מעגסטו, אונ קוקנ נישט?

ער וויל בעסער קושנ; זי לאָזט נישט.

— קוק אפ מיר, איכ בעט דיכ!

יאָסל עפנט די אויגנ מיט קויעכ; זיי פאלנ דאָכ באלד צוריק צו.
— איכ בעט דיכ, — מאכט זי נאָכ ווייכער, נאָכ זײַדענער.
ער קוקט, אצינד לאָזט זי אראָפּ די ברעמענ.
— זאָג נאָר, — מאכט זי — זאָג מיר דעמ עמעס, איכ בעט דיכ...
איכ בינ עפּעס א שיינ ווײַבל?
— יאָ! — רוימט ער איר אײַנ, אונ זי דערפילט נאָכ הייסער זײַנ אָטעמ.
— ווער האָט דיר געזאָגט?!
— איכ זע דאָכ! א מאלקע ביסטו, א מאלקע!
— אונ זאָג נאָר, יאָסל, — פרעגט זי ווײַטער — דו וועסט שוינ שטענדיק אזוי... שטענדיק אזוי זײַנ?
— וויאזוי מיינסטו, טרײַנע?
— איכ מיינ — ציטערט איר שטימע — קעגנ מיר אזוי גוט...
— ווי דענ?
— אזוי הארציק?
— ווי דענ?
— שטענדיק?
— שטענדיק! — איז ער מאמטיעכ.
— וועסט מיט מיר עסנ שטענדיק צוזאמענ?
— זיכער... בלי נעדער, — ענטפערט ער!
— אונ... וועסט אפ מיר קיינמאָל ניט שרײַענ?..
— קיינמאָל... בלי מאסקאָנע!
— קיינמאָל נישט אָנטאָנ קיינ צאָרעס?..
— צאָרעס? איכ? דיר?.. ווי הייסט? פּארוואָס?
— איכ ווייס? פריידע זאָגט —
— ווא — די מאכשייפע!
ער רוקט זיכ ווײַטער צו. זי שטויסט אימ אָפּ צוריק.
— יאָסעלע!
— וואָס?
— זאָג — ווי הייס איכ?

— טרײַנע!

— פע — פארציט זי די קלײנע ליפּעלעך.

— טרײַנעשי — פאַרבעסערט זיך יאָסל.

עס געפעלט איר אַלץ נישט.

— טרײַנעניו.

— ניין!

— נו — טרײַנע־לעבן, טרײַנע־קרוין, טרײַנע־הארץ... שויןגוט אַזוי?

— יאָ, — ענטפערט זי גליקלעך — נאָר...

— וואָס נאָר, לעבן מײַנס, נאַכעס מײַנס?

— נאָר, הער, יאָסל... און... — שטאַמלט זי.

— און וואָס?

— און אַז עס וועט, כאַסוועשאָלעם, פעלן אַמאָל פּאַרנאָסע... אַז איך וועל ווייניק פאַרדינען... וועסטו עפּשער... עפּשער שרײַען...

טרערן קומען איר אין די אויגן אַרײַן.

— כאַסוועשאָלעם! כאַסוועשאָלעם!

ער רײַסט אויס דעם קאָפּ פון איר די הענט און פאַלט צו צו די נאַכט אָפענע ליפּן.

---

— אַ רעכטע שײנע, רײנע קאַפּאָרע צו זײער קאָפּ, צו זײערע הענט און פיס — הערט זיך אַ קאָל פון אונטער די װענטלעך — קוש־װאָך גאָר באַ זײ! קײן אױג לאָזט מען נישט צומאַכן...

דאָס איז פרײדלס הײזעריק־שפּיציק־גיפטיק קאָל.

---

# שאָלעמ־באַיס

כאַימ איז א טרעגער.

אז ער גייט דורכ די גאס, איַנגעהויקערט אונטערנ קאסטנ סכוי־רע, זעט מענ אימ נישט ארויס; עס דאכט זיכ, אז דער קאסטנ גייט אליינ אפ צוויי פיס... דאָס שווערע אָטעמענ הערט זיכ דאָכ פונוויַטנס!

דאָכ — אָט לייגט ער אָפ די לאסט, באקומט זיַנע עטלעכע גראָשנ; ער גליַכט זיכ אויס, אָטעמט שטארק אָפ, בינדט אָפ די פּאָלעס, ווישט זיכ אָפ דעמ שווייס פונ פּאָנעמ, גייט גליַכ צומ ברונעמ, טוט א פּאָר שלונג וואסער אונ לויפט אינ הויפ אריַנ.

ער שטעלט זיכ נעבנ א וואנט, הייבט אופ דעמ ריזנ־קאָפּ אזוי, אז דער שפּיצ באָרד, מיט דער נאָז, מיטנ דאשעק פונעמ היטל קומענ אויס אפ איינ שעטעכ.

ער רופט:

— כאנע!

פונ אונטערנ דאכ עפנט זיכ א קליינ פענצטערל, אונ א קליינ וויַבערש קעפּל אינ א וויַסנ ציפּעק ענטפערט:

— כאַימ?!

דאָס פּאָרפּאָלק קוקט זיכ גאנצ צופרידנ אָנ; די שכיינימ זאָגנ: זיי קעטשקענ זיכ. כאַימ ווארפט ארופ זיַנ פּארדינסט, איַנגעוויקלט אינ א שטיקל פּאפּיר. כאנע כאפּט עס אינ דער לופט: עס איז איר ניט דאָס ערשטע מאָל.

— א בעריע־ניפלאָע! — מאכט כאַימ אונ האָט גאָר קיינ כיישעק ניט אוועקצוגיינ.

— גיי, גיי, כאַים! — שמייכלט זי. — איך קאָן מיך נישט רירן פון קראַנקן קינד... איך האָב צוגעשטעלט דאָס וויגל צום קוימען... מיט דער האַנט שוים איך און מיטן פוס וויג איך...
— וואָס מאַכט עס, נעבעך?
— בעסער!
— געלויבט איז גאָט! און הענע?
— בא דער נייטאָרן!
— יאָסל?
— אין כיידער.
כאַים לאָזט צוריק אַראָפּ די באָרד, גייט אַוועק, און כאַנע קוקט אים נאָך, ביז ער ווערט איר פאַרשוווּנדן.
דאָנערשטיק און פרײַטיק דויערט עס לענגער.
— וויפל האָסטו דאָ אינעם פאַפּירל? — פרעגט כאַנע.
— צוויי און צוואַנציק גראָשן.
— איך האָב מוירע, עס איז ווייניק!
— וואָס דאַרפסטו דען, כאַנע?
— פאַר א זעקסער שמירעכץ פאַרן קינד, פאַר עטלעכע גראָשן ליכט, כאַלע האָב איך שוין... פלייש אויך, אָנדערהאַלבן פונט... נו, — בראָנפן אַף קידעש!.. הײַנט דאַרף מען נאָך עטלעכע דרענגלעך!
— דרענגלעך וועל איך דיר שוין שאַפן, עס מוז זײַן אַפן מאַרק!
— דאַרף איך נאָך...
און זי רעכנט אויס, וואָס זי דאַרף נאָך אַלץ אַף שאַבעס. סאָף-קאָלסאָף בלײַבט: אַז מע קאָן קידעש מאַכן איבער כאַלע, און אַז אָן א סאַך זאַכן איז זיך לײַכט צו באַגיין.
דער איקער איז — בענטש-ליכט, אויך די זאַלב פאַרן קינד!
און פונדעסטוועגן, אַז גאָט העלפט, די קינדער זײַנען געזונט, די מעשענע לײַכטער — נישט פאַרזעצט, ביפראַט אויב עס איז דאָ נאָך א קוגל, — האָט דאָס פּאָרפאָלק גאָר א פרײלעכן שאַבעס!
וואָרעם כאַנע איז א בעריע-ניפלאָע צום קוגל!
שטענדיק פעלט איר עפּעס: דאָ מעל, דאָ אייער, דאָ פעטס, און

צום סאָף קומט ארויס א פעטער, א זיסער, א מעכּנײַעדיקער קוגל, ער צעגייט פּאָשעט אין אלע איווורים!

— דאָס קאָכט דער מאלעך, — זאָגט כאנע און שמייכלט פאר נאכעס.

— יאָ, א מאלעך, אוואדע א מאלעך! — לאכט כאַים. — דו מיינסט, אז דו ביסט א קליינער מאלעך, אז דו האלטסט אויס פון מיר און פון די קינדער... וויפל מאָל טוען זיי דיר אָן צאָרעס, איך ווער צמאָל בייז... נו, איך הער עפּעס א קלאָלע פון דיר, ווי אנדערע בא די ווייַבער? און ביישער, דו האָסט א סאך נאכעס פון מיר? דו און די קינדער גייען נאקעט און באָרוועס... צו וואָס טויג איך? נישט צו קי-דעש, נישט צו האוודאָלע, איך קען אפילע נישט רעכט קיין זמירעס זינגען...

— ביסט פאָרט א גוטער טאטע און א גוטער מאן! — האלט זיך כאנע באם איריקן. — אזא יאָר אף מיר און אף קאָל-יִיסראָעל... איך זאָל מיך נאָר עלטערן מיט דיר, ריבוינעשעלוילעם!

און דאָס פּאָרפּאָלק קוקט זיך אין די אויגן אריַין אזוי גוט, אזוי ווארעם און אזוי מיטן גאנצן הארצן, אז עס דאכט זיך, זיי זייַנען ערשט פון אונטער דער כופּע אפּיר...

עס ווערט נאָך פריילעכער באם טיש...

נאָר נאָכן שלאָף גייט כאַים אין קליינעם שולכל אריַין הערן טוירע.

דאָרט לערנט א מעלאמעד מיטן פּראָסטן עולעם „אלשיך”. עס איז הייס, די פּענעמער זייַנען נאָך פארשלאָפן; איינער כאפּט נאָך א דרעמל, דער צווייטער לאָזט ארויס א הויכן גענעצ; נאָר ראפּטאָם, ווען עס קומט צום רעכטן אָרט, מע שמועסט פון יענער וועלט, פון גענעם, ווו מע שמייַסט די רעשאָים מיט אייַזערנע ריטער; פון ליכטיקן גאניידן, ווו די צאדיקים זיצן אין גאָלדענע קרוינען און לערנען טוירע, — דעמלט ווערן אלע אופגעלעבט; די מיַילער — אָפן, די פּענעמער — רויט... מע הערט זיך אייַן אָן אָן אָטעם, וואָס עס וועט זייַן אף יענער וועלט!

כאַים שטייט געווייַנלעך באם אויווּן. ער האָט טרערן אין די אויגן, עס ציטערן אים הענט און פיס; ער איז איינגאנצן אף יענער וועלט!

ער לײַדט צוזאמענ מיט די רעשאָימ, באָדט זיכ אינ הײסער סמאָלע; ער ווערט געוואָרפנ קאפאקאל, קלײַבט שפענער אינ וויסטע וועלדער... אלצ לעבט ער דורכ, אונ עס באדעקט אימ דער קאלטער שווײס... פאר דאָס האָט ער שפעטער נאכעס גלײַכ מיט אלע צאדיקימ: דאָס ליכטיקע גאנײדנ, די מאלאָכימ, דער ליוויאָסנ, דער שוירהאבאָר אונ אלע גוטע זאכנ שטעלנ זיכ אימ פאָר אזוי לעבעדיק אונ אזוי בוילעט, אז ווענ דער מעלאמעד ענדיקט, גיט א קוש אונ פארמאכט דאָס סײפער, כאפט ער זיכ אופ ווי פונ א כאָלעמ, טאקע ווי פונ יענער וועלט.

— אכ, — כאפט ער שווער דעמ אָטעמ, וואָס ער האָט אײַנגעהאלטנ די גאנצע צײַט, — ריבוינעשעלוילעמ! כאָטש א שטיקל, כאָטש א פיצל, כאָטש א בראָקעניו אוילעמהאבע... פאר מיר, פאר מײַנ ווײַב אונ פאר מײַנע קינדערלעכ!

אונ דעמלט ווערט ער טרויעריק; ער פרעגט זיכ: „משטײנסגעזאָגט, פונ וואָס, פאר וואָס?”

אײנמאָל איז ער נאָכנ לערנענ צוגעגאנגענ צומ מעלאמעד:

— רעבע, — זאָגט ער, אונ זײַנ קאָל ציטערט, — גיט מיר אנ אײצע, איכ זאָל זוכע זײַנ צו האָבנ אוילעמהאבע!

— לערנ, מײַנ קינד, טוירע! — הערט ער א טשוווע.

— איכ קענ נישט!

— לערנ מישנײַעס... אײַנ-יאנקעוו, כאָטש פײרעק...

— איכ קענ נישט!

— זאָג טילימ!

— איכ האָב קײנ צײַט נישט!

— דאוונ ערנסט!

— איכ פארשטײ נישט, וואָס איכ דאוונ.

דער מעלאמעד קוקט אימ אָנ מיט ראכמאָנעס.

— וואָס ביסטו? — פרעגט ער.

— א טרעגער.

— נו, זײַ מעשאמעש טאלמידײ-כאכאָמימ.

— וואָס הײסט?

— טראָג, לעמאָשל, אלע פארנאכט אינ בעסמעדרעש ארײַנ א פּאָר קאנענ וואסער, די לאָמדימ זאָלנ האָבנ צו טרינקענ...

כאַימ ווערט דערפרייט.

— רעבע, — האָט ער ווײַטער געפרעגט, — אונ מײַנ ווײַב?

— אז דער מאנ זיצט אפ א שטול אינ גאנײדנ, איז דאָס ווײַב זײַנ פוסבענקעלע.

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

אז כאַימ איז אהײמ געקומענ האוודאָלע מאכנ, איז כאנע געזעסנ אונ געזאָגט „גאָט פונ אווראָהאָמ". אז ער האָט זי דערזענ, האָט אימ עפּעס אָנגעכאפּט באמ הארצ.

— נײנ, כאנע, — פאלט ער צו איר צו, — איכ וויל נישט, דו זאָלסט זײַנ מײַנ פוסבענקעלע... איכ וועל מיכ אראָפּבײגנ צו דיר, איכ וועל דיכ אופהײבנ אונ זעצנ דיכ נעבנ מיר. מיר וועלנ צוזאמענ זיצנ אפ אײנ שטול, ווי אצינד... עס איז אונדז אזוי גוט צוזאמענ... הערסט, כאנע, דו מוזט זיצנ מיט מיר אפ אײנ שטול... דער ריבוינעשעלוילעמ וועט מוזנ באשטײנ!

# א קאַס פון א ייִדענע

דאָס קליינע שטיבל איז פארכוישעכט ווי אין אים דער דאַלעס, אַפּ וועלכן עס ווײַנען אַלע פיר ווענט... אינעם אָפּגעריסענעם סופיט שטעקט א האָקן — א יאָסעם נאָך א געוועזענעם הענגלײַכטער. דער גרויסער אָפּגעשיילטער אויוון איז „ארומגעגאַרטלט בא די לענדן" מיט א גראָבן זאַק, שטייט איבערגעבויגן אין א זײַט, און קוקט אריבער צו זײַן פינצטערן שאָכן — צום ליידיקן שוואַרצן קוימען, אַפּ וועלכן עס ליגט אַן איבערגעדרייטער טאָפּ מיט אַן אָפּגעבערענטן ראַנד, און אין א זײַט, אַן „אָלעוואַשאָלעם" א צעבראָכענער לעפל. דער בלעכענער גיבער האָט געהאַט אַן ערלעכן טויט: ער איז געפאַלן אין דער מילכאָמע מיט אויסגעדאַרטער, אײַנגעשפּאַרטער, נעכטיקער קאַשע!

דאָס שטיבל איז איבערגעפולט מיט קיילים; עס שטייט א הימלבעט, פאַרהאַנגענע מיט צעריסענע פאָרהענגלעך... דורך די לעכער קוקט ארויס דאָס בעטגעוואַנט, אָן ציכלעך, מיט רויטע פאַרפעדערטע אויגן. עס שטייט א וויגל, פון וועלכן עס שײַנט ארויס א גרויס געלבלעך קעפל פון א שלאָפּנדיק קינד... עס שטייט א קאַסטן, באַשלאָגן מיט בלעך, מיט אַן אָפּענעם הענגשלאָס, — עס מוז שוין דאָרט קיין גרויס אשירעס נישט זײַן, — עס שטייט נאָך א טיש מיט דרײַ בענקלעך; דאָס הילצערנע מעבל איז אמאָל רויט געפאַרבט געוועזן, הײַנט איז טונקל ברודיק... רעכנט נאָך צו: א שאַפּ, א פּאָמאָיעס-שאַפּ, א פאַס וואַסער, א קאָציובע מיט א לאָפּעטע, וועט איר פאַרשטיין, אַז מע קען שוין, אין שטיבל פון ד' אל ד', קיין שפּילקע נישט ארײַנוואַרפן...

און דאָך זײַנען דאָ: אַן ער און א זי.

זי — אַ ייִדענע אינ די מיטעלע יאָרנ — זיצט אַפנ קאַסטנ, וואָס פּילט אויס דעמ אָרט צווישנ הימלבעט אונ דער וויג.

זי האָט אינ דער רעכטער האַנט דאָס אײנציקע קלײנע פאַרגרינטע פענצטער; לינקס — דעמ טיש. זי אַרבעט אַ זאָק, שאָקלט צו דאָס וויגל מיטנ פוס אונ הערט זיכ אײַנ, ווי ער לערנט באַמ טיש. אונ ער לערנט מיט אַ זינגענדיק-וואָלאַכיש-וויינענדיק קאָל. ער לערנט אונ באַוועגט זיכ אומרויִק, אָפּגעריסנ אונ נערוועז, טײל ווערטער שלינגט ער, טײל ציט ער, טײל כאַפּט ער, טײל היפּערט ער איבער; טײל אַקצענטירט ער אונ דריקט אויס מיט ליבשאַפט, טײל שיט ער גלײַכגילטיק אַרויס, ווי אַרבעס פונ אַ זאַק; דערבײַ רוט ער ניט אַ רגע: דאָ כאַפּט ער אַרויס פונ קעשענע אַנ אַמאָל רויט אונ גאַנצ געוועזענע פאַטשיילע, ווישט זיכ די נאָז, דעמ שווייס פונ פּאָנעמ אונ שטערנ, באַלד לאָזט ער זי אַראָפּ אַפ דער שויס אונ כאַפּט זיכ קרײַזלענ די פּייעס, צופּנ דאָס שפּיציקע, ערטערווײַז קויִמ גרויִלעכע, בערדל... אָט באַהאַלט ער אַנ אויסגעצופּטע האָר אינ טיפער אַרײַנ אונ הייבט זיכ אָנ פּאַטשנ אַפ דער קני, די הענט דערפילנ דערווײַל די פּאַטשיילע, כאַפּנ זי אונ וואַרפנ אַ שפּיצ אינ מויל אַרײַנ; ער בײַסט, וואַרפט איבער אײנ פוס אַפנ צווייטנ אונ טרישט אַלע מינוט די פיס.

באַ דער גאַנצער צײַט קנייטשט זיכ אימ זײַנ בלאַסער שטערנ אינ דער לענג אונ אינ דער ברייט, עס קנייטשט זיכ אויס אַ קאָמעצ איבער דער נאָז. די לאַנגע ברעמענ ווערנ, אונטער דער איבערגעלייגטער הויט פונ שטערנ, קימאַט פאַרלוירנ. דערווײַל גיט אימ — דאַכט זיכ — עפּעס אַ שטאָכ אינ דער ברוסט; כאַפּט ער אונ דערלאַנגט זיכ מיט דער רעכטער האַנט אַפ דער לינקער זײַט אַנ „אַלכעט”... ראַפּטאָמ פאַרלייגט ער דעמ קאָפּ לינקס, דריקט צו מיט אַ פינגער די לינקע זײַט נאָז, מאַכט מיט דער רעכטער זײַט אַ קינסטלעכע פאָנטאַנע, וואַרפט איבער דעמ קאָפּ רעכטס, די פאָנטאַנע שפּריצט פונ דער לינקער זײַט נאָז!.. אינמיטנ כאַפּט ער אַ שמעק טאַבאַק, צעהוידערט זיכ בעסער, דאָס קאָל קלינגט, דאָס בענקל קנאַקט, עס רודערט דער טיש!

דאָס קינד וועקט זיכ נישט; עס איז געוווינט צו דער מוזיק.

און זי, דאָס יונגערהייט אײַנגעשרומפּענע ווײַב, זיצט צונ שעפּט נאַכעס פונ מאַנ. זי לאָזט פונ אימ קיינ אויג נישט אראָפּ; איר אויער פארלירט קיינ איינציקנ טאָנ פונ זײַנ מויל... אמאָל זיפצט זי: ער זאָל אזוי — טראַכט זי — טויגנ צו דער וועלט ווי צו יענער, וואָלט איר דאָ אויכ ווײל און ליכטיק געוועזנ... דאָ אויכ...

„מא! — טרייסט זי זיכ — ווער שמועסט פונ א קאָוועד! נישט יעדער איז זויכע צו ביידע טישנ".

זי הערט זיכ אײַנ... איר אײַנגעשרומפּנ פּאָנעמ ענדערט זיכ, דאָס אויכ וואָס אמאָל; זי איז אויכ נערוועז:

ערשט איז דערופּ אויסגעגאָסנ געוועזנ א ווילדע האנאָע: אזויפיל נאַכעס האָט זי פונ זײַנ טוירע געשעפּט... דערמאָנט זי זיכ, אז הײַנט איז דאָכ שוינ דאָנערשטיק, אז עס איז דאָכ קיינ דרײַער אפּ שאבעס נישטאָ, און דאָס גאנײדנ-ליכט אפנ פּאָנעמ ווערט וואָס אמאָל טינקעלער און טינקעלער, ביז דער שמייכל פארשווינדט פונ גאנצנ פּאָנעמ... דערנאָכ ווארפט זי א בליק דורכנ פארגרינטנ פענצטער, קוקט אפ דער זונ — עס מוז שוינ זײַנ שפּעט און עס איז נאָכ אינ שטוב קיינ לעפל וואסער נישטאָ, — און די שפּיזלעכ בלײַבנ איר שטיינ אינ דער האנט. א טונקעלער שאָטנ האָט שוינ דאָס פּאָנעמ באדעקט. זי ווארפט אנ אויג אפנ קינד; עס שלאָפט שוינ אומרויִק, עס וועט זיכ באלד אופכאפּנ, עס איז פארנ קראנקנ קינד קיינ טראָפּנ מילכ נישטאָ — און פונ שאָטנ איז שוינ א וואָלקנ געוואָרנ. די שפּיזלעכ הייבנ אָנ אינ דער האנט צו ציטערנ, צו ווארפנ זיכ...

און אז זי דערמאָנט זיכ נאָכ, אז, אויסער דעמ, גייט צו פּייסעכ... אז די אוירינגלעכ מיט די בענטשלײַכטער זײַנענ פארזעצט, דער קאסטנלער, דער הענגלײַכטער — פארקויפט, — הייבנ אָנ די שפּיזלעכ גאָר מערדעריש צו טאנצנ, דער וואָלקנ אפנ פּאָנעמ ווערט טונקל-בלוי, אָנגעלאָדנ... אינ די קליינע גרויע אויגנ, וואָס מע זעט קוימ ארויס פונ אונטערנ טיכל אפנ קאָפּ, באווײַזנ זיכ — בליצנ.

ער — זיצט נאָכ אלצ און לערנט; ער באמערקט נישט, אז עס מאכט זיכ א געוויטער, אז עס ווערט אלע מאָל געפערלעכער... אז זי

לאָזט ארויס דעם זאַק מיט די שפּיזלעך פון דער האנט און הייבט אָן קנאקן די אויסגעדארטע פינגער, אז זי קנײטשט אײַן דעם שטערן פאר ווייטעק, איינ אויג ווערט צוגעמאכט, און דאָס צווייטע קוקט אף אים, מעסער־שפּיציק אפן מאַן, דעם לאמדן, אז עס וואָלט אים, ווען ער זאָל עס זען, קיל געוואָרן אין אלע אייוורים; דאָכ ער זעט נישט, ווי איר׳ע בלויע ליפּן ציטערן, ווי די גאָמבע ציטערט, ווי עס קלאַפּט איר א צאָן אָן א צאָן... ווי זי האלט זיכ איין מיט אלע קויכעס נישט אויסצוברעכן... ווי דער דונער רײַסט זיכ און רײַסט, און עס דארף נאָר א קלייניקײַט, ער זאָל ארויס פון מויל.

דאָס קלייניקײַט האָט זיכ געטראָפן:

ער לערנט און זאָגט: „שמא מיניי — — — טלאס...״ און טײַטשט זיכ אויס בענימעס: „איז דאָכ פונדאנען געדרונגען...״ ער וויל זאָגן דרײַ — נאָר דאָס וואָרט „געדרונגען״ איז שוין גענוג געוועזן... אין דעם וואָרט האָט זיכ אָנגעכאפּט דאָס פארביטערטע הארץ, דאָס איז געוועזן דער פונק צום פּולווער!

איר שטארקער ווילן פּלאַצט. דאָס אומגליקלעכע וואָרט האָט געעפנט אלע פארהאמערטע טויערן, אופגעהאקט אלע ריגלען... אויסער זיכ איז זי צוגעשפּרונגען צום מאן מיט פּיאַנע אין מויל, מיט נעגל אין פּאַנעם ארײַן.

— געדרונגען, זאָגסטו, געדרונגען? אײַ, א דרינגעניש זאָל אף דיר קומען, ריבוינעשעלוילעם! — האָט זי אויסגעשריִען פון א הייזעריק קאָל פאר קאַס. — א דרינגעניש, ריבוינעשעלוילעם! יאָ! יאָ! — האָט זי ווײַטער מיט א שלאנגען־קאָל געסיטשעט. — פאר פּייסעכ... דאָנערשטיק... ס׳קינד קראנק... קיין טראָפּן מילכ! הא!

עס פארפעלט איר אָטעם, די אײַנגעפאלענע ברוסט שלאָגט פּאליעס, פון די אויגן יאָגן בליצן.

ער בלײַבט ווי פארשטיינערט. בלייך איז ער אופגעשפּרונגען פון בענקל, אָן אָטעם פאר שרעק, און האָט זיכ הינטערוויילעכס גערוקט צו דער טיר.

זיי שטייען איינס קעגן אנדערן און קוקן זיכ אָן: ער מיט גלעזערנע אויגן פאר שרעק, זי מיט ברענענדיקע פאר קאַס... ער באמערקט

דאָך באַלד, אַז זי האָט פּאַר קאַס קיין שליטע נישט, נישט איבער דער צונג, נישט איבער די הענט. די אויגן ווערן אים אַלע מאָל קלענער; ער כאַפּט אַן עק פּאַטשיילע אין מויל אַרײַן, רוקט זיך נאָך אַ ביסל אָפּ, אָטעמט טיפער אָפּ און מורמלט:

— הער, דו, אישע... ווייסטו, וואָס איז? ביטל־טוירע, נישט לאָזן דעם מאַן לערנען, האַ? אַלץ פּאַרנאָסע, האַ?! און ווער גיט דעם פייגעלע! אַלץ נישט גלייבן אין גאָט! אַלץ יעיצערהאָרע, אַלץ נאָר די וועלט... נאַרישע אישע... מאַרשאַס! נישט לאָזן לערנען אַ מאַן... דערפאַר קומט גענעם...

אַז זי ענטפערט נישט, ווערט ער שטאַרקער באַ זיך! איר פּאָנעם ווערט בלייכער און בלייכער, זי ציטערט אַלע מאָל מער, און וואָס מער זי ציטערט און ווערט בלייכער — פעסטער און ראַשער ווערט זײַן קאָל:

— גענעם! פײַער! הענגען אָפּ דער צונג! אַרבע מיסעס בעסדין!

זי שווײַגט, דאָס פּאָנעם אירס איז שוין ווי אַ קרײַד.

ער פילט, אַז ער טוט נישט גלײַך, אַז ער דאַרף זי ניט אַזוי קרענקען, אַז ער רעדט נישט ערלעך; נאָר אײַנהאַלטן קען ער זיך שוין נישט. אַלעס שלעכטע, וואָס ער האָט ביז אַהער אין זיך געהאַט, שיטן זיך אים אַרויס. ער קען זיי גישט אײַנהאַלטן.

— ווייסט וואָס טײַטש? — גייט זײַן קאָל איבער ווי אין אַ בייזן דונער. — סקילע — דאָס הייסט: וואַרפן אין גרוב אַרײַן און פאַרשיטן מיט שטיינער! סרייפע — פירט ער ווײַטער און וווּנדערט זיך אַליין אָפּ זײַן האָזע — סרייפע, דאָס הייסט: אַרײַנגיסן אין די געדערים אַ לעפל הייס־קאָכנדיק־זידנדיק בלײַ! הערעג איז בעסײַפע... דאָס הייסט: מע האַקט אָפּ דעם קאָפּ מיט אַ שווערד... אָט אַזוי! — און ער מאַכט אַ באַוועגונג מיט דער האַנט אַרום האַלדז. — הײַנט — כענעק... ווערגן... הערסט — ווערגן! פאַרשטייסט — ביטל־טוירע! אַלץ פאַר ביטל־טוירע!

דאָס האַרץ טוט אים שוין ווי פאַר ראַכמאָנעס אָפּ זײַן קאָרבן, נאָר עס איז אים דאָס ערשטע מאָל, ער זאָל אַזוי גויווער זײַן... עס פאַרשיקערט אים! אַזאַ נאַרישע יידענע! ער האָט ביז אַהער גאָר נישט געוווּסט, אַז מע קאָן זי אַזוי איבערשרעקן.

— אָט דאָס איז ביטל-טוירע! — שרײַט ער ענדלעכ אויס. ער האַקט דאָכ אָפּ, זי קענ דאָכ צו זיכ קומענ אונ כאַפּנ א בעזעמ! ער שפּרינגט צוריק צו צומ טיש, פאַרמאַכט די געמאָרע אונ לויפט ארויס...

— אינ בעסמעדרעש ארײַנ גיי איכ! — שרײַט ער איר צו, שוינ מיט א ווייכערער שטימע, אונ פאַרמאַכט נאָכ זיכ די טיר.

דאָס געשריי מיטנ קלאַפּ פונ דער טיר האָט אופגעוועקט דאָס קרענקלעכע קינד. עס הייבט לאַנגזאַמ אופ די שווערע ברעמענ, דאָס וועקסנ-געל פּאָנעמ פאַרקרימט זיכ, אונ עס הייבט אָנ צו פּײַפּנ אונטערנ געשוואָלענעמ נעזל. נאָר זי שטייט אלץ אפ איר אָרט, אויסער זיכ, ווי פאַרשטיינערט אונ הערט ניט דעמ קינדס קאָל.

— הא! — רײַסט זיכ איר ענדלעכ א הייזעריק קאָל פונ דער פאַרענגטער ברוסט ארויס. — אזוי — נישט די וועלט, נישט יענע וועלט... הענגענ — זאָגט ער — ווערגנ — זאָגט ער — הייסע סמאָלע — בלײַ — זאָגט ער! ביטל-טוירע!

— גאָרנישט... מיר גאָרנישט... — העשעט איר אינ צעריסענעמ הארצ. — דאָ הונגער... אָנ א קלייד... אָנ בענטשלײַכטער... אלצ נישט... דאָס קינד הונגעריק... קיינ טראָפּנ מילכ... אונ דאָרט — הענגענ... הענגענ אפ דער צונג... ביטל-טוירע, זאָגט ער. —

— הענגענ... כא! כא! כא! — רײַסט זיכ ראַפּטאָמ אויס איר פאַרצווייפלט קאָל... — הענגענ, יאָ. נאָר דאָ! — באלד! אלצייַנס! נאָכ וואָס וואַרטנ?

דאָס קינד הייבט אָנ העכער צו וויינענ, נאָר זי הערט אלצ נישט.

— א שטריק! א שטריק! — שרײַט זי אויסער זיכ אונ זוכט מיט פאַרבלאָנדזשעטע אויגנ א שטריק אינ אלע ווינקעלעכ.

— א שטריק ווו נעמט מענ! זאָל ער שוינ מײַנ געביינ דאָ נישט טרעפנ! לאָמיכ כאָטש דאָס גענעמ פּאָטער ווערנ! זאָל ער וויסנ! זאָל ער זײַנ א מאמע! זאָל ער! א קאַפּאָרע בינ איכ! א מאלעכ-האַמאָוועס! אנ עק! אנ עק זאָל זײַנ! א שטריק!

אונ דאָס לעצטע וואָרט רײַסט זיכ פונ האלדז ארויס, ווי א רופ אפ הילפ בא א סרייפע.

זי דערמאָנט זיך, אז עס ליגט ערגעץ א שטריק... יאָ, אונטערן אויוון... מע האָט געזאָלט אפן ווינטער דעם אויוון איבערבינדן, ער מוז נאָך דאָרט ליגן...

זי לויפט צו און געפינט דעם שטריק: א פרייד — זי האָט געפונען דעם אויצער! זי ווארפט אן אויג אפן סופיט — דער האקן זיצט... זי דארף נאָר אפן טיש ארויף. —

זי שפּריגט ארויף! —

נאָר פון דער הייך דערזעט זי, אז דאָס דערשראָקענע, פארכאַ-לעשטע קינד איז אופגעזעצט, עס בייגט זיך איבערן וויגל; עס וויל ארויס! אָט, אָט, פאלט עס ארויס...

— מאמע! — האָט דאָס קינד קוים אויסגעריסן פון שוואכן העלדזל.

עס כאפּט זי אָן א נייער קאס. —

זי ווארפט אוועק דעם שטריק, שפּרינגט אראָפּ פון טיש, לויפט צו צום קינד, און ווארפט אים דאָס קעפּל אפן קישן צוריק, שרייענדיק:

— מאַמזער! אפילע העגגען לאָזט עס מיך נישט! אפילע נישט העגגען בעשאָלעם! עס וויל שוין ציִען... ציִען וויל עס... אָ! סאם וועסטו ציִען פון דער ברוסט! סאם!

— נא, פרעסער! נא! — שרייט זי אויס אין איין אָטעם און שטופּט דעם קינד די אויסגעדארטע ברוסט אין מויל אריין:

— נא, צי, בייס!..

# מוסער.

עס גייען צוויי ווייַבער אונטער דער שטאָט. איינע א הויכע, שווערע ייִדענע, מיט בייזע אויגן, שווערע, הילכעדיקע טריט; די צווייטע — א דארע, בלאסע, קליינע ייִדענע מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

— ווו פירסטו מיך, כאנע? — פרעגט די צווייטע.

— ווארט, נאָך א פּאָר טריט. זעסט, דאָרט צום בערגל!

— נאָך וואָס? — פרעגט נאָכאמאָל די צווייטע מיט א באנק-אָפּגעריסן קאָל, גלייַך זי וואָלט זיך עפּעס געשראָקן.

— וועסט הערן, קום...

זיי זייַנען צוגעקומען צום בערגל.

— זעץ דיך, — מאכט כאנע.

די צווייטע פאָלגט, זעצט זיך אפן בערגל, כאנע זעצט זיך נעבן איר. אין דער שטילקייַט פון ווארעמען זומער-טאָג, ווייַט פון שטאָטישן גערודער, מאכט זיך א געשפּרעך:

— גרונע, ווייסט, ווער דייַן מאן, אָלעוואשאָלעם, איז געוועזן? אפּ גרונעס בלאס פּאָנעם לייגט זיך א שאָטן.

— איך ווייס, — ענטפערט זי מיט פארביסענע ליפּן.

— א סויפער איז ער געוועזן, גרונע! א קאָשערער סויפער...

— איך ווייס! — מאכט גרונע אומגעדולדיק.

— פאר יעדן אָס פלעגט ער זיך טויווּלען אין מיקווע...

— א גראָבער ליגן... אז ער פלעגט גיין א פּאָר מאָל אין דער וואָך, איז עמעס...

— א קאָשערער ייִד געוועזן.

— עמעס...

– זײַן זכוס זאָל אונדז בײַשטײן...

גרונע שװײַגט.

— שװײַגסט? — װוּנדערט זיך כאַנע.

— אלצײַנס!

— ניִשט אלצײַנס! זײַן זכוס זאָל אונדז טאקע בײַשטײן!

הערסט?

— איך הער!

— װאָס זאָגסטו דערצו?

— װאָס זאָל איך זאָגן. איך װײס נאָר, אז ער איז ניִשט בײַגע־שטאנען...

פויזע. די װײַבער שװײַגן. זײ פארשטײען זיך: דער קאָשערער סויפער איז געשטאָרבן און איבערגעלאָזט אן אלמאָנע מיט דרײַ יע־סוימים — מײדלעך. גרונע האָט שוין מער ניִשט כאסענע געהאַט, די קינדער קײן שטיפטאטן ניִשט געגעבן, אלײן אפּ זיך און די קינדער געארבעט, נאָר קײן מאזל און בראָכע איז ניט געװעזן... זײַן זכוס איז ניִשט בײַגעשטאנען"...

— און װײסטו פארװאָס, גרונע? — האקט איר איבער כאַנע די שטילקײַט.

— עט...

— װײַל דו ביסט זינדיק...

— איך? — און די בלאסע גרונע שפּרינגט אויף, װי אן אונטער־געשאָסענע. — איך — זינדיק?

— הער, גרונע, זינדיק איז יעדער מענטש, נאָר דו אװאדע...

— אװאדע?

— גרונע, ניט אומזיסט האָב איך דיך ארויסגעפירט הינטער דער שטאָט, צום טײַך־צו, אפּן פעלד... קײן פרישע לופט, באַרעכאשעם, דארפן מיר ניִשט... זעסט, גרונע... א מאמע, און ביפראט א קאָשערנ סויפערס אן אלמאָנע, דארף...

— װאָס דארף זי?

— זי דארף זײַן פרימער ווי אלע, בעסער ווי אלע און מער אכ־טונג געבן אף דער טאָכטער.

די בלאסע גרונע איז נאָך בלאסער געוואָרן. די אויגן האָבן איר אופגעפלאַמט, די נאָזלעכער צעשפּרייטן זיך און די בלויע פארברענטע ליפּן ציטערן.

— כאנע! — האָט זי אויסגעשריִען.

— דו ווייסט, גרונע, איך בין דיר א גוטער־פרײַנט, נאָר דעם עמעס מוז איך דיר זאָגן, אניט, וואָלט איך נישט געהאט קיין פארענט־פער פאר גאָט... איך וועל דיך ניט באריידן, דורך מיר וועסטו ניט קומען צו לײַטן אין די מײַלער ארײַן, עס וועט בלײַבן צווישן אונדז. אײן גאָט אין הימל וועט הערן...

— צי מיר ניט די נעשאָמע ארויס!

— נו, הער זשע! קורץ און שארף... נעכטן פארנאכט, שפּעט פארנאכט, בין איך צוריקגעגאנגען פון דער באן, און אף דעם בערגל איז געזעסן דײַן מירל...

— איינע אליין?

— ניין.

— מיט וועמען?

— איך ווייס? מיט א קאַפּעליוש... א צילינדער אפילע... ער האָט איר געקושט אין האלדז־און־נאקן... זי האָט געלאכט און געכרופּעט צוקערקעס...

— איך ווייס!.. — רופט זיך אָן גרונע מיט א קאָל ווי פון קייווער ארויס. — עס איז ניט דאָס ערשטע מאָל...

— דו האָסט געוווּסט?! וואָס? א כאָסן איז עס?

— ניין...

— נישט? און דו... האָסט געשוויגן?

— יאָ.

— גרונע!

נאָר איצט איז שוין גרונע רויִק.

— אצינד שווײַג דו און הער, וואָס איך וועל דיר דערציילן, —

זאָגט זי מיט א שנײַדנדיק קאָל און, אָנכאַפּנדיק כאַנען באַם אַרבל, נייט זי, זי זאָל זיך צוריק זעצן.

— הער, — האָט זי ווײַטער געצויגן, — אַלץ וועל איך דיר דערציילן, און איין גאָט אין הימל וועט אונדז הערן!

כאַנע האָט זיך צוריק געזעצט.

— אַז מײַן מאַן איז געשטאָרבן, — הייבט אָן גרונע.

— וויאַזוי רעדסטו עפּעס, גרונע?

— וויאַזוי זאָל איך ריידן?

— אָן „זיכרונע-ליוורכע״? און — „ניפטער געוואָרן״ זאָגט מען...

— אַלציינס, ניפטער געוואָרן, צי געשטאָרבן, באַגראָבן האָט מען אים...

— צו קיווער-אָוועס געקומען...

— זאָל זײַן צו קיווער-אָוועס... נאָר מיך האָט ער איבערגעלאָזט מיט דרײַ יעסוימים — טעכטער.

— נעבעך, קיין קאַדעש ניט געלאָזט.

— דרײַ טעכטער, די עלטסטע —

— גענענדל —

— אַלט געווען פערצן יאָר...

— בײַ לײַטן איז אַזוינס אַ קאַלע...

— בײַ אונדז איז קיין ברויט ניט געווען! פון טנאָים שרײַבן און לעקעך עסן איז דאָ ניט צו ריידן...

— וויאַזוי רעדסטו עפּעס הײַנט, גרונע!

— ניט איך רייד, מײַן האַרצווייטיק רעדט... גענענדל, ווייסטו, איז געווען דאָס שענסטע מיידל אין שטאָט.

— הײַנט אויך... קיין אײַנהאָרע!

— הײַנט איז זי אַ זויערע לימענע — אַ גרויער צאָפּ! נאָר דעמלט האָט זי געלײַכט ווי די זון... און — איך בין דעמלט דעם פרומען סוי-פערס אַלמאָנע געווען! איך האָב זי ווי אַן אויג אין קאָפּ געהיט. איך האָב געוווסט, אַז הײַנטיקע צײַטן... עס דרייען זיך אַרום קלעזמאָרים, שנײַדערלעך, אַזוי דײַטשלעך און אַלטע באָכערים... בעסמעדרעשניקעס

אפילע פלעגנ זיכ דרייענ באמ פענצטער... נאָר אפ וואָס איז א מאמע? א קאלט־מיידל, האָב איכ געוווּסט, דארפ זייַנ ווי א שפיגל... אונ איכ האָב מייַנס באוויזנ; עס איז אפ איר קיינ הויכ ניט געפאלנ! געהיט האָב איכ זי, געהיט! קיינ אויג ניט אראָפגעלאָזט, קיינ טריט פונ שטוב אָנ מיר ניט געמאכט, אונ אלצ מוסער געזאָגט... קוק ניט אהער, קוק ניט אהינ, דאָ שטעל דיכ ניט, דאָ מעק דיכ ניט... קוק ניט, ווי פייגעלעכ פליִענ...

— נו, זייער וויל...

— וויל ווי די וועלט! — מאכט גרונע ביטער. — קומ נאָר צו מיר אהיימ אונ זע, ווי זי זעט אצינד אויס! יאָ, זי איז אנ עמעס ערלעכ מיידל, נאָר פונ זעקס אונ דרייַסיק יאָר! דאר, די ביינער צו ציילנ, א געדונצלטע הויט, ווי פארמעט צו טפילנ, אויגנ פארלאָשענע, דאָס פּאָנעמ זויער, אָנ א שמייכל, — אייביק פארביסענע ליפּנ... גאנצ אָפּט דאָכ ברענענ אופ די פארלאָשענע אויגנ — דאָס ברענט דעמלט אינ זיי א סינע, א האס, ווי א געגעמ... אונ ווייסטו צו וועמענ? ווייסטו, וועמענ זי האָט פייַנט? וועמענ, מאכנדיק מיט די ליפּנ, זי פארשילט די ביי־נער?

— וועמענ?

— מיר! מיר — איר אייגענער מאמענ!

— וואָס רעדסטו? פארוואָס?

— זי אליינ ווייסט עפשער ניט פארוואָס, נאָר איכ ווייס! איכ האָב מיכ געשטעלט צווישנ איר אונ דער וועלט, צווישנ איר אונ דער זונ! איכ האָב איר, ווי זאָל איכ דיר עס זאָגנ? קיינ וואָרעמקייַט אונ קיינ ליכט צומ לייַב ניט צוגעלאָזט... גאנצע נעכט האָב איכ דעריבער גע־קלערט, ביז איכ בינ עס דערגאנגענ, אפ קלאָר דערגאנגענ! זי מוז מיכ פייַנט האָבנ... יעדעס קעמערל פונ איר לייַב האָט מיכ פייַנט!

— וואָס רעדסטו?

— וואָס דו הערסט! די שוועסטער האָט זי אוואדע פייַנט, שענער זייַנענ זיי אונ יינגער!

גרונע כאפּט שווער דעמ אָטעמ, אונ כאנע קאָנ צו די געדאנקענ

ניט קומען... זי הערט עפּעס שרעקלעכס; עפּעס ערגערס, ווי קראַנק זײַן, ווי שטאַרבן, אַפילו ווי „אונטער דער כופּע שטאַרבן״ — דאָס גרעסטע אומגליק, וואָס עס טרעפט זיך בײַ ייִדן, און דאָך — ריבוינעשע־לוילעם, עס דאַרף אַזוי זײַן!

---

— די ייִנגערע, לייען, האָב איך שוין אין דער היים ניט גע־האַלטן... איך האָב זי אָפּגעגעבן פֿאַר אַ דינסט... — הייבט ווײַטער אָן גרונע צו דערציילן, און די שטימע ווערט נאָך הייזעריקער, נאָך אָפּ־געריסענער.

— איך האָב געגנוג געשריגן דעמלט — דערמאָנט כאַנע, — מײַסים געטאָן... אַ סויפערס אַ טאָכטער פֿאַר אַ דינסט...

— איך האָב געוואָלט כאָטש זי כאַסענע מאַכן. זאָל זי כאָטש אַ ביסל נאַדן האָבן... פֿון מײַנע ציבעלעס, מיט וועלכע איך האַנדל, קאָן מען קיין נאַדן ניט אָנקלײַבן...

און זי האָב איך אויך געהיט...

נאָר אײַנע באַלעבאָס האָט אַף איר אַן אויג געוואָרפן, ניט אײַן באַלעבאַטיש קינד האָט זיך געוואָלט פֿון איר אַ שפּילכל מאַכן... נאָר איך בין אַ מאַמע! איך בין אַ טרײַע מאַמע געווען! די פֿיס האָב איך מיר אָפּגעהאַקט און צען מאָל אין טאָג בין איך בײַ איר אין קיך גע־ווען, געוויינט און געכאַלעשט, מוסער געזאָגט... האַ! גוטע ווערטער, פֿרומע ווערטער געזאָגט!.. גאַנצע נעכט בין איך ניט געשלאָפֿן און געלייענט דעם קאַוו־האַיאָשער און אַנדערע הייליקע ספֿאָרים אַף איוורע־טײַטש, און צומאָרגנס איר איבערדערציילט... און נאָך אייגנס צוגעגעבן! גאָט זאָל עס מיר מויכל זײַן... פֿון דרײַ שיידים האָב איך געמאַכט צען, פֿון אַ שמיץ איז געוואָרן קאַסטרויִ, מיט פֿײַער האָב איך געשיט! און אַ שוואַך קינד איז עס געווען, אַ שוואַך, קאָשער קינד, עס האָט זיך געלאָזט פֿירן!.. דער טאַטע אויסן אויג, — בלאַס, אָן אַ ביסל בלוט, און אַזוינע גוטע, פֿײַכטע אויגן, — נאָר שענער איז זי געווען...

— דו רעדסט, ראַכמאָנע־ליצלאַן, ווי פֿון אַ טויטער.

— און דו מיינסט, זי לעבט? איך זאָג דיר, זי לעבט ניט! זי האָט אָנגעזאמלט נאדלען, און איך האָב איר א מאן געגעבן!

זי האָט געבעטן געוויינט, אז זי וויל אים ניט, אז ער איז צו גראָב, צו פּראָסט פאר איר.

נאָר א לערן־קינד נעמט ניט קיין דינסטמיידל, ביפראט מיט דריי־סיק רובל נאדלען!

איך האָב געדאנקט גאָט, ווער עס איז! א שניידער־יונג איז א שניידער־יונג!

נו! האָט ער מיט איר א יאָר געלעבט — צוגענומען דאָס געלט, מיטן געזונט, מיטן רעשט ביסל קויעך און איז אוועק...

נאקעט און בלויז האָט ער מיר זי אָפּגעשטעלט, נאָר — מיט א לונגען־פעלער! זי שפּייט מיט בלוט!.. א שאָטן איז עס שוין, ניט קיין מענטש... עס טוליעט זיך צו מיר, ווי א קליין קינד. עס לייגט זיך, ווי א לעמעלע!.. און גאנצע, גאנצע נעכט וויינט עס...

און ווייסטו, אף וועמען זי וויינט?

— אפן מאן, יימאך־שמוי!

— ניין, כאנע, אף מיר וויינט זי! איך האָב זי אומגליקלעך גע־מאכט! אירע טרערן פאלן מיר אפן הארצן, ווי קאָכעדיק בליי, — זיי סאמען מיך, די טרערן...

זי בלייבט ווייטער שטיל און כאפּט קוים דעם אָטעם.

— אקלאל? — פרעגט כאנע.

— אקלאל? — האָב איך מיר שוין געזאָגט: גענוג! זאָל מיין דריטע טאָכטער שוין לעבן! לעבן זאָל זי, ווי זי, ווי זי וויל!

זי ארבעט אין פאבריק! זעכצן שעה אין טאָג ארבעט זי, קוים אף טרוקן ברויט פארדינט זי... זי וויל צוקערקעס אויך, זאָל זי עסן! זי וויל לאכן, שטיפן, קושן זיך — זאָל זי! הערסט, כאנע, — זאָל זי! איך קאָן איר קיין זיסע זאכן ניט געבן. קיין מאן אוואדע און אוואדע ניט! א ציטרין פון איר מאכן וויל איך ניט, א לונגען־פעלער געבן — ניט, ניט! זאָל שוין די טאָכטער מיך ניט האסן, אף מיר ניט וויינען.

— אָבער, גרונע, — שרײַט כאנע אויס דערשראָקן, — וואָס וועלן זאָגן לײַט?

— זאָלן לײַט פריִער אָפּ אָרעמע יעסוימים ראַכמאָנעס האָבן, ניט ארבעטן מיט זיי, ווי מיט אייזלען, אומזיסט! זאָלן מענטשן האָבן הער-צער פון מענטשן און ניט האַלטן אָרעמעלײַט צום אויסדריקן ווי לי-מאָנען...

— און גאָט? גאָט באָרוך-הו!

און גרונע הייבט זיך אויף און שרײַט, גלײַך זי האָט געוואָלט, גאָט זאָל אין הימל הערן —

— האָט גאָט געזאָלט פריִער יענע פארזאָרגן...

---

עס איז א שווערע שטילקײַט. ביידע ווײַבער אָטעמען שווער. ביי-דע שטייען זיך אנטקעגן מיט בליצן אין די אויגן.

— גרונע! — שרײַט ענדלעך אויס כאנע. — גאָט וועט שטראָפן!

— ניט מיך, ניט מײַנע טעכטער. גאָט איז ערלעך! ער וועט עמעצ אנדערן שטראָפן, עמעצ אנדערן!

---

# אָנמערקונגענ אונ דערקלערונגענ

## קלאָצ-געשיכטנ

קאוועיאָכל — גאָט.
אוקעדוימע — אונ דאָסגלײַכנ.
א וועהאָרײַע — אונ אָט איז א באווײַז.
בישליימעס — געמיינט: אפנ בעסטנ אויפנ.
צויטיקע — פאטלאטע.
פיקל-הויב — געמיינט: א קאסקע.
מאלביש-ארומימ זײַנ — באקליידנ.
קנאס — שטראָפ.
„מאמזייר ימ״ — דאָ געמיינט: אויסגעלאסענע, ניט פרומע.
דער בעלפער — דער באהעלפער, דער מעלאמעד-געהילפ.
„דײַטשערישע״ — געמיינט: ניט לויטנ יידישנ רעליגיעזנ שטייגער.
דער בוירע-אוילעמ — געמיינט: גאָט.
פליטנ — אויסגעניײַטע באפוצונגענ.
טשוווע זאָנ — כאראָטע האָבנ אפ די זינד (א רעליגיעזער באגריפ).
אפ האכנאָסעס-קאלע גײַנ — גיינ בעטלענ אפ אויסגעבנ א מיידל.
א כעווערמאנ — געמיינט: א מיטגליד פונ דער רעליגיעזער קוורע-געזעלשאפט.
„כעוורע קאדישע״, וואָס דעזשורעט, לויטנ רעליגיעזנ מינהעג, בא גויסעסנ.
דײַענ — דאָ: א געהילפ-ראָוו.
העספעד — א טרויער-רעדע.
איישעס כאָווער קעכאָווער — א לאמדנס אַ ווײַב איז געגליכנ צו א לאמדנ.
אנ אגונע — א פרוי, וואָס איר מאנ האָט זי פארלאָזט אָנ א געט אונ זי ווייסט ניט, ווו ער איז.
יאהאדעס — יידישקײַט.
ליספלט — שעפטשעט.
זיוועג — א פאָרפאָלק (מאנ אונ ווײַב).

## כאסענע געהאט

אמאטנאס־יאד — געמיינט דאָ: א קלאַפּ, א פּאטש.

אכראביע — א גראפּ.

בעליק — באלקן, סטעליע.

דיאויסערעגע — אָט די מינוט.

אבוכ — דאָ געמיינט: א בוכצע, א זעצ.

סערוויטוטנ — דאָס רעכט פונ די פויערימ צו באנוצנ זיכ מיט געוויסע (פּיק־סירטע) עלעמענטנ פונ פּאָרעצס אייגנטומ. איינ געגעבענעמ פאל — מיט פארשיידענע מי־נימ געהילצ פונעמ פּאָרעצס וואלד.

ניפּטער געוואָרנ — געשטאָרבנ.

קליידט זיכ דײַטש — טראָגט קורצע קליידער.

צו דער סוב־רעוויזיע — צומ פּריזיוו.

„בעראָכל ביטכאָ האקטאנע" — פאר ראָכל דײַנ קלענערער טאָכטער. גע־מיינט: געגוי אונ פינקטלעכ.

אכיירעמ־קוויטל — ניט קיינ כאָ־מעלע שריפטלעכע פארפליכטונג.

טויספעס־קסובע — א צוגאָב־קסובע (קסובע הייסט דער ייִדישער רעליגיעזער כאסענע־אקט).

רעפּוע־בדוקע — אנ אויסגעפּרוווטע רעפּוע.

אפּאָרעש — א מינ ייִדישער מאָנאכ, וואָס פארלאָזט זײַנ ווײַב אונ זעצט זיכ לערנענ טאלמוד אא.

שאבעס־נאכמו — דער ערשטער שאבעס נאָכ דעמ טאָנעס „טישעבאָוו" (יול־אווגוסט).

כוילאָניס — קרענקלעכע.

## איינ פּאָסט־וואָגנ

ראכמאָנע־ליצלאנ — גאָט זאָל ראטעווענ. א צושפּרוכ, ווענ א רעליגיעזער ייִד רעדט וועגנ א מעגלעכנ אומגליק־פאל.

פּשאט פּאָשעט — געמיינט: גאָר פּאָשעט.

אדהײַעמ — ביז הײַנט.

צוריישנ — צופּראווענ.

אצושפּרונג — א זײַטיקע פארנאָסע.

שאטנעז — געמיינט: שטאָפ, וואָס איז געמישט פונ באוול אונ וואָל. אָנטאָנ קליידער פונ „שאטנעז" אָדער זיצנ אפ אזא שטאָפ איז, לויט דער ייִדישער רעליגיע, פארבאָטנ.

קרינאָלינע — אנ אמאָליקע מאָדישע קלייד אפ דינע שטאָלענע רייפנ.

נישט בעקאוו האברִיע — געמיינט: ניט געזונט.

אנאמלוי האָיאָ די נאָשים — געמיינט: אן אומדערהערט פאָלק זײַנען די ווײַבער.

טאריאג (תרי״ג) מיצוועס — 613 מיצוועס (געבאָטן און פארבאָטן).

באטאָלאָ — דאָס ליידיקגיין.

ראבויסים — דאָ געמיינט: די ייִדישע געלערנטע פון דער טאלמודישער עפּאָכע.

בערואכ האקוידעש — מיטן הייליקן גײַסט.

די קליינע אויסיִעס — געמיינט: די ייִדישע „הייליקע ספאָרים״.

האבאטאָלאָ מעוויִאָ לידיי שִאמום — דאָס ליידיקגיין ברענגט צו לאנגווײַליקײַט.

מעלומעדעס — געלערנטע.

„ארבאָאָ אָוועס נעזיקין... האשויר וועהאבויר, וועהאמיווע, וועהאהאווייר — „פיר גרונט-מינים פון העזעק: דער אָקס און די גרוב, און דאָס פי, וואָס גייט אין שאָדן, און דאָס פײַער״ — אזוי הייבט זיך אָן איינער פון די טאלמודישע טראקטאטן „באָוואָ קאמאָ״.

ראשע (רש״י) — קאָמענטאָר אפ ביבל און טאלמוד.

טויִספעס — צוגאָב-קאָמענטארן צום טאלמוד.

מאהארשאָ — א קאָמענטאר צום טאלמוד.

אופגעטויכט — אופגעשווומען, באוויזן זיך.

קיטעס — סעקטעס, גרופעס.

כסידים — די אָנהענגער פון כסידעס (א רעליגיעזע באוועגונג, וואָס איז אופגעקומען אין XVIII יאָרהונדערט אין אוקראַינע).

מיסנאגדים — קעגנער פון די כסידים.

דײַטשן — דאָ געמיינט: אופגעקלערטע.

איבער קאטאָ דעמאגלאָ (א הענטל פון סערפ) — געמיינט: איבער טעקסטן פון טאלמוד.

א מיכשל — א שטרויכלונג.

סעקוועסטראטאָר — געריכט-אויספיר.

„ראָלא״ (Rola) — אן אנטיסעמיטישע צײַטונג אין ווארשע אין יענער צײַט.

ביסמארק (1815—1898) — דעמלט פרעמיער-מיניסטער פון דײַטשלאנד, א באוווסטער רעאקציִאָנער.

פעבל — דער פלעבס, דער פּאָשעטער האמוין.

עמפערן זיך — אין געגעבענעם קאָנטעקסט: צעבונטעווען זיך.

אן אייכנבוים — א דעמב.

אייץ-האדאאס — דער ביבליש-לעגענדארער בוים פון „דערקענען גוטס און שלעכטס״.

**די פראקסע** — די פראקטיק, געמיינט: די קליִענטור.
**קערצל** — א פארציַיטיק מאָס פאר טווע, קארטאָפל אאוו.
**ביינ-קליידער** — הויזנ.
**א האָרבאנד** — א טשיפיק.
**ער עמפערט זיכ** — ער ווערט אופגעבראכט.
**קעהאוואיע** — ווי עס איז געווענ.
**עמפערנ** — דאָ געמיינט: אופשטעלנ קעגנ.

## אינ קעלער-שטוב

**מעפיַעס זיַנ** — איבערבעטנ. דאָ געמיינט: קאָמפענסירנ.
**לוי פאָקדאני** — מע האָט מיר ניט באפוילנ; מע האָט מיר ניט אָנגעזאָגט.
**א כראבינע** — א גראפינע.
**קאאלויס** — געמיינט: באגינענ.
**מיט כיירעפ-נעפעש** — מיט געפאר פארנ לעבנ.
**מעמשאָלע** — הערשאפט.
**„דאלעד אמעס"** — פיר איילנ.
**דראָשע-געשאנק** — די מאטאָנעס, וואָס מע פלעגט געבנ כאָסנ-קאלע אפ אלט-מאָדישע ייִדישע כאסענעס.
**כוכע-טלולע** — כויזעק, געלעכטער.
**א מעלומעדעס** — א געלערנטע.
**ווארא!** — געמיינט: דאפקע ניט!
**א זמאנ** — געמיינט: א לערנ-סעזאָנ אינ „כיידער". א האלב יאָר.
**אנאויירע** — געמיינט דאָ: א שאָד.
**א ציפיק** — א טשיפיק, א היַיבל. נאָכ דער כאסענע פלעגט מענ בא רעליגיעזע ייִדנ דעמ יונגנ וויַבל אָפגאָלנ דעמ-קאָפ אונ אָנטאָנ א היַיבל.
**ער איז מאפטיִעכ** — ער זאָגט צו.

## שאָלעמ-באיִס

**א בעריע-ניפלאָע** — א גרויסע בעריע.
**„אלשיכ"** — א פאָפולערער רעליגיעזער בוכ.
**דער ליוויאָסנ** — א לעגענדארישער ריזנ-פיש.
**דער שוירהאבאָר** — א לעגענדארישער ריזנ-אָקס.
**זיַ מעשאמעש טאלמידיי-כאכאָמימ** — באדינ די, וואָס לערנענ טוירע.

## א קאס פונ א ייִדענע

**אשירעס** — רײַכקײַט.

**א קאָציובע** — א קאָטשערע.

**ד׳ (דאלעד) אל ד׳ (דאלעד)** — פיר (איילנ) אפ פיר (איילנ).

**וואָלאכיש־ווייִנענדיק קאָל** — א קאָל, מיט־וועלכנ מע זינגט דעם מאָטיוו פונ א „וואָלאכל״ — א טרויעריקע מעלאָדיע.

**צו ביידע טישנ** — געמיינט: אי צו דער אי צו יענער וועלט.

**שמא מינ״... טלאט** — (א טאלמודישע פראזעאָלאָגיע) איז דערפונ געדרונ־גענ... דרײַ.

**פיאנע** — שוים.

**שליטע** — מאכט.

**ביטל־טוירע** — דאָס שטערנ דער טוירע, ניט לאָזנ לערנענ.

**ארבע מיסעס בעסדנ** — די פירערליי טויט־שטראָפנ, וואָס פלעגנ אָנגעווענדט ווערנ פאר פארשיידענע רעליגיעזע אונ קרימינעלע פארברעכנס, לויט די געזעצנ פונ ביבל אונ טאלמוד.

**סקילע** — פארשטיינענ.

**סריפע** — פארברענענ.

**הערעג איז בעסײַעפ** — דערהארגענענ מיינט מענ מיט א שווערד.

**כענעק** — דערשטיקנ, דערווערגנ.

## מוסער

**צו קיי־ווער־אָווס געקומענ** — באגראָבנ געוואָרנ (א לאמדאָנישער אויס־דרוק).

**דײַטשלעכ** — דאָ געמיינט: יונגעלײַט, וואָס קליידנ זיכ אייראָפּייִש.

**קאוו־האיאָשער** — א מוסער־סייפער.

**קאסטרוי** — שפיצ־ריטער.

**ימאכ־שמוי** — זײַנ נאָמענ זאָל אָפּגעמעקט ווערנ (א קלאָלע).